STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10112

# SHOTNS FUN NYU YORK

Yitshak Elhanan Rontsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. א. ראַנטש

# שאָטנס פון ניו יאָרק


ניו יאָרק

1928

ביכער פון י. א. ראָנטש

---

ווינטן, לידער, 1923

שאָטנס פון ניו יאָרק, 1928

א י ן  ד ר ו ק

אינדיאַנער זומער, לידער

אַ באַנד דערציילונגען

Copyright, 1928, by I. E. Ronch

Printed in the U. S. A.

# אינהאלט


זון און שאָטן . . . . . . 5
ניו יאָרק מאַרשירט . . . 9
אַף די גאַסן פון מאנהעטן . . 14
חיינט . . . . . . . . . 21
באוערי . . . . . . . . 25
שבת נאָכמיטאג אף דער באוערי 28
העסטער פּאַרק . . . . . . . 32
רעדאַקציע . . . . . . . . 37
די קאַפּע . . . . . . . . 42
ניו יאָרקער . . . . . . . 46
אַ נאַכט אין דער מעטראָפּאָליע 51
דער קעניג פון דער ביבליאָטעק 56
אַראָפּ און אַרויף . . . . . . 61
דאָס געזאַנג אין סאָבוויי . . 67
דער לעצטער אָוונט אין סטאַדיום . . . . . . . . 70
אַלעגראָ . . . . . . . . . 74
בלינדע . . . . . . . . . 78
טויט . . . . . . . . . 82
זונטיק . . . . . . . . . 87
בעיזבאָל . . . . . . . . 91
אַ געוויינלאַכער פּאַל . . . . 95
נאָטיצן פון אַ וואנדערער . . 100
וואָלקנקראַצערס . . . . . . 103
עס פרילינגט . . . . . . . . 109
זיין מאַיעסטעט, דער אַרבעטער, אין טרוימלאַנד . . . . . . 113
פּאַרקן און סקווערן . . . . . 119
אינדיאַנער זומער . . . . . . 124

# זון און שאָטן

אומעטום זיינען זיי דאָ. אין אַלע ווינקעלאַך פון דער מעטראָ־פּאָליע שלייכן זיך, בלייבן זיך שאָטנס פון אונזער פלייש און בלוט, פון אונזערע געזעצלאַכע נידערטרעכטיקייטן און אומ־לעגאַלע לוסטן.

געקומען אַהער, אין לאַנד פון טרוימען, אין דער שטאָט פון אומבאַגרענעצטע מעגלאַכקייטן, מיט אַ האַרץ אָנגעפילט פון פריי־דיקער שרעק, גרייט ארומצונעמען אַלץ און יעדן; בייצוטראָגן, מיט יעדן פיבער פון האַרצן, צום וואונדערבאַרן טעמפּל פון פרייהייט און גליק, אַלץ וואָס וועט נאָר נויטיק זיין.

סטאַטוע פון פרייהייט. הימלקראַצערס. דאָס שטרעבן צו שטייגן אַלץ העכער און העכער. פאַר אים, דעם ניי־אָנגעקומענעם, זיינען זיי, די הימלקראַצערס, געוועזן דער סימבאָל פון זיין ניי לעבן. אָט אַזוי ווי זיי וועט ער וואַקסן, העכער, העכער, נאָר אַרויף! צו די רוימען, צו די אומבאַגרענעצטע, אומגעצאַמטע מעגלאַכקייטן און דערגרייכונגען.

און באַלד — אנטוישונג נאָך אנטוישונג, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ. זיין אַרבעטס־קראַפט, זיין יוגנט־פייער, זיין לעבנס־ברען, זיין ווילן און אָפּפערוויליקייט ווערן געטראַמפּלט אין בלאָטע. קיינער דאַרף אים ניט, קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים. קיינער הערט ניט זיין רוף.

זיין מענטשן־שטאָלץ, זעלבסט־רעספּעקט בויגן זיך נידעריק, נידעריק, שרומפּן זיך איין, זיין געוואַגטער בליק זינקט אין תהום פון הכנעה.

ער שטרעקט אויס זיינע שטייפע, רייפע מוסקולן און — בעטלט אויס אַ געלעגנהייט, — צו אַרבעטן, פּראָדוצירן, ברענגען נוצן.

ער קלאַפּט אָפּ די שוועלן פון פאַבריקן אין שפּעטער, וואָס זיינען פאַסטקעס פאַר זיין געזונט, פאַר זיין לעבן, וואָס זיינען שאַנד־פלעקן אויף זיינע טרוימען. און — זיין האַרץ הויבט זיך פון פרייד, ווען אים געלינגט צו באַקומען אַרבעט אין זיי.

ער ווערט אַ שקלאַף. פריער צו דער טויטער מאַשין, און דאַן צום לעבעדיקן מענטשן — צום באָס, צום פאָרמאַן. ער ווערט אַ שקלאַף צו דער אויבערבאַן און אונטערבאַן; צו דער גאַס און הויז, צו דער קלייט און צום קלייד; צום אָרעם און צו זיך אַליין.

ער ווערט געפאַנגען פון עפּעס אַ מאָנסטער, וואָס וואַרפט זיך מיט אים, ווי מיט אַ פּילקע; ער ווערט געשליידערט אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף.

ער דערקענט זיך אַליין ניט. ער קוקט אויף אַנדערע און ער דערזעעט זיך אין זיי. אַ הויז פון שקלאַפן, אַ גאַס פון שקלאַפן, אַ שקלאַפן־באַן, אַ שטאָט, אַ גאַנצע שטאָט פון שקלאַפן.

און אין דרויסן פון דער שטאָט, ווי אַ פאַרשיקטע, שטייט די געטין פון פרייהייט — און רופט און וועקט און טייטלט מיט איר פאַקל צום הימל, צו די רוימען, צו די אומבאַגרענעצטע מעגלאַכקייטן...

פרייהייט! ערגעץ וואו אין בלוט אין אייגענעם לעבט זי נאָך; צווישן רעדער־רויש פון שאַפּ־מאַשינען רוישט זי דאָך; צווישן „על"־געדראַנג און „סאָב"־געקוועטש שטופּט זי זיך אויך; אין דער פאַרפעסטיקטער לופט פון טענעמענט־געפענגנישן אָטעמט זי דאָך נאָך.

פרייהייט. ווילן פון טרוימען. הייסער שטראָם אין פאַר־פראָרענע פאַרלאַנגען, צעשטערער פון פאַרגליווערטקייט.

רוקנס איינגעבויגענע, קעפּ געזונקענע, אויגן אַריינגערוקטע, הענט און פיס פאַרמאַטערטע, פאַרשמאַכטע. מורא פאַרן מאָרגן, ציטער פון היינט, פאַרלאָרענער נעכטן; מח געשמידט, ווילן גע־פענטעט; פליגלען אָפּגעהאַקט.

שלעפּן זיך טעג. קלייבן זיך אָן יאָרן. שטעמפּלט זיך טיפער אויף אַלע זיינע טריט, אויף זיין גוף און נשמה, דער שטעמפּל פון

שקלאַף, פון דערנידעריקטן און געדריקטן, פון רחמנותדיקן און באַדויערטן.

לאַכט די זון פון אים, חוזקט דער בלויער הימל, רייצט זיך דאָס פייגעלע, באַדויערט אים בוים און גראָז; פייפט דער ווינט אים אויס. שקלאַף — דאָס מיאוסטע פון אַלעם לעבעדיקן, דער עקל צו זיך אַליין!

קומט אָן אַ טאָג. און נאָך אַ טאָג. וועקט זיך שקלאַף און נאָך אַ שקלאַף. ווערן ענג די ווענט. ווערן דושנע די שעפער; שטיקן באָס און פאָרמאַן; צופן, רייצן, בלוטן; מאָנען, וועקן געדאַנקען; לאָזט ניט רוען האַרץ. שרייען „על" און „סאָב"; קלאַפּן האַמערס איבער קעפּ; רופן קולות פון די מוסקולן אַרויס; ברענט דער טראָטואַר אונטער די טריט; לופט איז אָנגעזאַפּט מיט עקספּלאָז.

בליקן בליציקע אין שקלאַפן־אויגן; פייערן געצונדענע אין שקלאַפן־רייד. נענטערט שקלאַף יצו שקלאַף, קלאַמערן זיך הענט אין הענט; שמידן זיך הערצער צונויף. ווערט איין גרויס, גרויס האַרץ; ווערט איין בראַנדיקער פייער־בליק; רייסט זיך, פון מאַסן פאַראויסגעשטרעקטע, שטייפע העלזער, איין מאַכטיקער געברום:

— „פרייהייט! פריי—הייט! פריי — !"

איז קאַמף מיטן מאָנסטער, אין געראַנגל מיט דער ריזיקער לאַפּע, וואָס האָט זיי אַראָפּגעניִדערט. אַרויף צוריק, צו די רוימען! צום נייעם לעבן פון פרייהייט און גליק.

לאָזט נישט שאַפּ אַרויס; טענעמענט־ציטאַדעלן האַלטן פעסט; פאַרשטעלן הימל „על" און מויערן; שטאָל און שטיין צאַמען גע־ברויז; קלוגע געזעצגעבער פּסקנען: „ניין!"

ניט דערשרעקט זיך שקלאַף, לאַכט פון קלעפּ און פּיין. פרייהייט־פליגל הויבן הויך. קוקט ער אַראָפּ, ווייזט אַ „פייג" די יעגער זיינע. זאָלן קוילן טרעפן, זאָלן פליגלען בלוטיקן. פרייהייט איז זיס. פרייהייט אָטעמט מיט אויסגעשפּרייטער, פולער ברוסט.

קאַמף. טאָג און נאַכט — קאַמף. ברויט מיט קאַמף, היים מיט קאַמף, ליבע מיט קאַמף, אָטעם מיט קאַמף. אָן קאַמף — אויס לעבן. אָן קאַמף — אַראָפּ אין תהום.

קאַמף. שלעפּן פּיס זיך מידע צו און פון דער אַרבעט. קאַמף. פּראַצעוועט הענט, פאַלט גוף פאַרשמאַכט אין קאַמף. פאַלן — אַלע פאַלן. וויינען — אַלע וויינען. פרייד — צוזאַמיקע פרייד. איז גוט אַזוי, איז טרייסט אַזוי. הערצער פלאַמען. היים.

צוזאַמען איז גבורה. זאַמלען זיך, זאַמלען זיך, איינער אָן איינעם. צוזאַמען.

נאָר ערגעץ־וואו און אומעטום, אין אַלע ווינקעלאַך פון דער מעטראָפּאָליע — שאָטנס פון ניט צוזאַמיקע, שאָטנס פון אַלייניקע.

אַליין, אַליין, צום שטיין־מויער געטוליעט, פון ברוטאַלן מעטאַל געבראָדערט. אַליין.

שקלאַף. צום טרונק. צום מינץ. צו קליינער תאווה, צום פּיצלדיקן איך. איך — פאַר זיך. יענער — ניט איך. איך — איבער אַלעם.

שאָטנס. דראַפּען זיך אַרויף — ווענט. האַלטן זיך אין ווינקעלאַך. נוצן — ניט. שטערן — ניט. צוליב וואָס? פאַר ווּעמען?

ערגעץ אַף אַ סקווער — סטרייקער־מאַרש. קאַמף, פרייהייט. לעבן. און אַף די בענק, און אין די ווינקעלאַך — שאָטנס. אַליין.

שאָטן וועקט זיך. גלאָצט. מאָסן. רעש. לעבן. מיטגיין? פון איינער ווערן — מאַסע? ניין. איך. ניט — מיר.

שאָטנס פון ניו יאָרק. אומעטום זיינען זיי דאָ. ניט־דער־וואַכטע. אָפּגעלעבטע. שטאַרבנדיקע.

גייסט זיי פאַרביי. זיי גייען דיר נאָך.

באַפרייטער שקלאַף קוקט אַף זיי און דערזעט זיין אַמאָליקן איך אין זיי.

סטאַטוע פון פרייהייט — ניט מער ווי אַ פאַרגליווערטע סטאַטוע. באַפרייטער שקלאַף — דער נייער סימבאָל פון פרייהייט. דער אָנזאָגער פון נייע צייטן, באַלעבאָס פון טרוימען־לאַנד.

הימל־קראַצערס. הויך, הויך. באַפרייטער שקלאַף — נייער מענטש — העכער פון די הימל־קראַצערס.

באַפרייטער שקלאַף דערגרייכט גאָר הויך — צו דער זון. דעם אייביקן ליכט, און העכער נאָך — צום אייביקן לעבן, דער פרייהייט.

# ניו יאָרק מאַרשירט

אַ טומלדיקער פּאַראַד, אַ רולאָזע פּראָצעסיע, אַ צעברויזטע סטאַמפּידע, אַ געטראַמפּל, אַ ווילד געיעג, אַ זאָרגלאָזער שפּאַציר — ניו יאָרק.

דער גיגאַנטישער גוף סאָפּעט שווער און זיינע מיליאָסן אברים רירן זיך, גייען, לויפן, יאָגן זיך משוגענערווייז. ניו יאָרק מאַרשירט. אַרויף, אַראָפּ, אין דער ברייט, אין דער לענג.

האַרט־נעקיקער באָדן פון גראַניט און קיזל־שטיין פאַרלירט זיין עקשנות און מוז דורכלאָזן די זיגערישע מענטשלאַכע האַנט — צו מאַכן אַ וועג פאַרן מאַרש פון דער מעטראָפּאָליע.

ניטאָ מער קיין פּלאַץ אויבן, צו ענג די גאַס, — ווערן טיפע טונעלן געגראָבן, דרינגט מען שיכט נאָך שיכט אין תהום דורך. ווען מיליאָנען מענטשן טעגלאַך זיך שיידן מיט זונליכט. און שטאָ־לענע הופן פון ווילד־געצאַמטע אייזערנע פערד וועלן גאַלאָפּירנדיק אויסטאַנצן דאָס דזשעז־געזאַנג פון מאַרשירנדיקער גרויס־שטאָט. און מידער ניו יאָרקער וועט פאַרוויגט ווערן און איינדרעמלען אין מאָדערנסטן וויגעלע — די סאָבוויי.

דערווייל טרייבערט דינאַמיט דעם בויך פון דער ערד דורך. אַף מיליאָנען־יעריקע קברים וועט אַ ניי לעבן זיך אויסטשוכען און הונגעריק אַ לאָז טאָן זיך צום שאַלטן־וואַלטן... זוניקע איטאַליענער ראָיען זיך אין זונלאָזע טונעלן־לאַבירינטן, זאַפּן טויטנדיקן שטויב אין זיך איין — בויט מען נייע סאָבווייס אויס. ניו יאָרק מאַר־שירט אַראָפּ.

ריזן פאַרמעסטן זיך מיט גבורה, גיגאַנטישע לאַפּעס פון קאָנ־קריט און שטאָל שטרעקן זיך אַרויף צום רוים. געבאַלטע פויסטן דראָען הימל. שטאָלענע שטאַנגען שטייגן שטאָלץ און שטאָלצער

אין הויך. טורעם פון ניו יאָרק פאַרטונקלט טורעם פון בבל. און אויבן, אפן סאַמע שפּיץ, שטייט אַ פּינטעלע־מענטשעלע, דער בויער פון הימל־קראַצער, וואָס ניו יאָרק ליגט אים צופוסנס, און טראַכט גראָשנדיקע טראַכטעניש. און קייט זיין מויל־טאַבאַק בשעת מעשה און שפּייט די ברוינע סלונע אויס, אַראָפּ אַף שטאָלצן ניו יאָרק.

ריזן פאַרמעסטן זיך אין וואוקס און פאַרשטעלן דאָס ליכט פון טאָג און די וואַרימקייט פון זון. וואַקסן און מערן זיך ריזן, שפּיזן אַ פּאַראַד אַרויף, צו די הימלען. פעלט אָטעם אויס אונטן, מאַרשירט ניו יאָרק אַרויף, אַרויף.

לופט־שיפן, „עלס", אָטאָס, אָמניבאָסן, טראַמס און סאָבוויים — געהאָרכזאַמע דינער פון אונזער אימפּעט. איטלאַכער מיט זיין שוואונג און אָטעם.

לופט־שיפן שטיפן און לאַכן אָפּ פון אונז. די מוראדיקע הימל־קראַצערס זיינען מילבן אין זייערע אויגן. „פליגלען פאַרמאָגן מיר, דעם מאָרגן דעריאָגן מיר און איר — גאַפט אַרויף צו אונז און די העלזער ווערן אייך שטייף". באַזיגער פון צייט און רוים, שטאָלצע ריטער פון מענטשלאַכע גלאָריעס.

שפּלדיקער און געזעצטער זיינען די „עלס". זיי ניוכן אַריין אין די פענצטער פון אָרימע טענעמענטס, זיי עגבערן מוחות פון שלאָף און דערציילן פון זייער מאָנאָטאָנעם, נאָר רולאָזן שפּאַציר איבער דער לענג פון ניו יאָרק. זיינען פאַראַן דאָ רעבעלן, וואָס ווילן ניט בייגן די קעפּ פאַרן ווילדן אימפּעט, וואָס באַהערשט אַלעמען, וואָס ווילן ניט פאַרוואַנדלען זייער טאָג אין סאָבוויי־נאַכט — און זיי פאָרן אפן „על".

דערפאַר אָבער זיינען ווי שטיפקינדער די טראַמווייען. זיי אָכצן און קרעכצן, ווי קראַנקע אידענעס, ציטערן פאַרן אומפאַרמיידלאַכן, ביטערן סוף און קלאָגן זיך אַף דער רשעות פון ניו יאָרק. און די פאָרער זייערע פילן זיך ניט היימלאַך פאַר זייער אַלטמאָדישקייט — צי באַלאַנגען זיי ניט אויך צום ברוכווארג פון צייט, ווי די טראַמווייען?

אין אונטערשטער גהינום, וואו עס ריטשען און קוויטשען

שוואַרצע מחבלים, איז די סאַבוויי. ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ צו איר, שלאָגט אַנטקעגן דער ספּעציפישער ריח פון גרויס־שטאָט־שוויים. וואָס פאַר אַ רעווען, וואָס פאַר אַ דונערן! מענטש ווערט פאַרטויבט און פאַרטשאַדעט, ווערט אַ טייל פון דער סאַבוויי, פון איר ווילדקייט און ברוטאַליטעט. עלנבויגנס פּאַראַויס, אויגן אויס־געגלאָצט, מיט האַרץ פון שטאָל, מיט בלוט פון גען.

עקספּרעס איז גייסט פון ניו יאָרק; וואָס שטאַרקער דער בראַזגענדיקער רעש, וואָס היימישער פילט פּאַסאַזשיר. וויג און שליידער, העננ אויף סטראַפּעס, מיניען פון ליכט, אַ טוק אין טיפן תהום, פייף און ריטשע פון מאָטאָרמאַן, אויטאָמאַטישע פּראַל און פּאַרמאַך פון טירן, געדראַנג אויף פּלאַטפאָרמעס און געאייל אַרויס. בירגערשאַפט פון ניו יאָרקער.

מיוחסים זיינען די אויטאָמאָבילן: מיט געהויבענע קעפּ, פון העכערן שטאַנד, — מאַכט מען אַ וואָרע פאַר זייער מאַרש.

אָט די אַלע רויטע און גרינע סיגנאַל־לאָמפּן אויף די הויפּט־גאַסן, די פייפנדיקע פּאָליסלייט, די שוואַרץ־געפּלאַסטערטע אַספאַלט־וועגן — זיינען פאַר זיי, צוליב זיי. און פּריווילעגירט זיינען זיי, פון פּראַקטישן פּערד ביזן לוקסוסדיקן ראָלס־ראָיס. וואָס פאַר אַ פּחד וואַרפן זיי דאָס אָן אויף די אָרימע פוסגייער מיט זייער הפקרדיקן „ספּיד"! ווי דערשראָקענע קאַטשקעס, מיט צעשפּרייטע פליגלען, אַנטלויפט מען פאַר די אָנגעשוואָלענע גומי־רעדער און פאַרטרייסלט ווערט מען פון אַ בלאָז פון האָרן.

די אַגאָניע פון פוס־גייער, וואָס גאַרט אַריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט גאַס אין צייט פון אויטאָ־פּאַרקער! ווי פיינלאַך־לאַנג ווערן די סעקונדן דאַן; ווי חוצפּהדיק פליען די מאַשינען פאַרביי, לאָזנדיק נאָך זיך דעם פּאַסקודנעם בלוילאַך־גרויען רויך! וויפיל געזאָלין־ריחות זאַפּט מען איין אין זיך אויף דער ברייטהאַרציקער פינפטער עוועניו. אָנגעפּאָמפּעט ווערט מען מיט דער געזאָלין־לופט, וואָס וויל דווקא פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער פרישער, נאַטיר־לאַכער לופט.

יאָ, די מיליאָנען פוסגייער פון ניו יאָרק, וואָס מאַרשירן אין

ענדלאָזע פּראָצעסיעס פון פרי ביז שפּעטער נאַכט. אומעטום פיס, פיס, פיס; וואָס שאַרן זיך און יאָגן זיך מיט און אָן א צאָל; וואָס זאָגן אויס פון לעבן און שטערבן פון זייערע באַלעבאַטים.

מאַרש פון פיס אהיים נאָך דער אַרבעט, ווען שפּאַן איז אָנגעשטרענגט, ווען גערעג איז רייף צום סאָבוויי־שלינג. ניט פּנימער, נאָר פיס גיבן דאָן אַרויס די סודות פון גוף און נשמה.

גראַציעזע שטאָלצע פיס פון אַטלעטישע יונגע מיידלאָך און שלאַבערדיגע, אויסגעמאַטערטע פיס פון שווערע פאַבריק־אַרבעטער; קלעצלדיקע, פאַרמלאָזע פיס פון מיטליעריקע, גראָבע פרויען און קורצע, פויזנדיקע פיס פון אידישע אפּרייטאָרס, — דערציילן פיס אָן א שיעור פון מאַרש פון מיליאָנען לוין שקלאַפן, וואָס טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה אַף זיך טאָג איין טאָג אויס, יאָר איין יאָר אויס.

דער הונגער־מאַרש אַף בראָדוויי — נאָך פאַרגעניגן, און דער הונגער־מאַרש אַף דער באָוערי נאָך טרוקן ברויט. די לאַנגע געדולדיקע רייען בא די מואווי־פּאַלאַצן און די לאַנגע רייען פון פאַרלויזטע טרעמפּס און אַרבעטלאָזע נאָך וואַנציקע נאַכטלעגערס אין מיסיאָנערן־הויז.

דער מאַרש פון האַרטנעקיקע, בלייבע סטרייקערס אַף טראָטוארן, אין רעגן און קעלט און דער קעגן־מאַרש פון רויט־קאַרקיגע, אויסגעכאָליעטע פּאָליסלייט מיט קעפּ־שפּאַלטנדיקע קלובן אין די ברוטאַלע הענט, וואָס לאָזן נאָך זיך רויטע סליאַדן אַף די טראָטוארן איבער.

דער מאַרש און געדראַנג פון מיליאָנען נייגעריקע און סטאַדעמעסיקע, צו געבן א בליק אַף איבער א נאַכט געוואָרענעם פאָלקסהעלד און דער מאַרש פון טויזנטער וואַכע און צעברויזטע אַף סקווערן — קעגן דעם אומרעכט פון פייניקער און הערשער.

דער נייגער פון הונדערטער בא אן אויסשטעל־פענצטער, וואו א פול ברוסטיקע יונגע בלאָנדיקע דעמאָנסטרירט א נייע פאונטן־פען פאַר שפּאַט־ביליק, און דאָס מאָמענטאַלע אָפּשטעלן זיך פון איילנדיקע, פאַרבייגער צו באַטראַכטן א גראָטעסקן „סענדוויטש“־מאַן,

וואָס פּאַראַדירט מיט פּלאַקאַטן, אַנאָנסירנדיק דעם אויספּאַרקויף פון צען טויזנט פּאָר מענער־הויזן...

דער כח פון רעקלאַמע, וואָס פּאַנגט טאָג־טעגלאַך יעדנס אויג און צווינגט אים אויסצוחזרן דעם פּזמון וועגן דער מעקסוועל קאַפּע קאָמפּאַני, ערלי קאַלאַרס, גולדן מאַסטאַרד, ראַיאַל בעיקינג פּאַודער און לאַקי סטרייק סיגאַרעטן, וואָס שפּאַרן אַזש די הימלען מיט זייערע רעקלאַמעס.

דער מאַרש פון מיליאָנען צעגליטע, האַלב נאַקעטע לייבער באַ די ברעגן פון אָקעאַן אין קוני איילאַנד און דער קאַרניוואַל פון לייכטזין, אומזין און וואַנזין אין די אַמוזירלאָזע אַמוזיר־פּלעצער.

דער מאַרש פון קינד און קייט באַ די שטייגן פון רולאָזע חיות אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואו מ'איז זיך מחיה מיט דעם פּיין פון די געפאַנגענע לייבן.

די פּראָצעסיעס פון קראַנקע באַ און אין די שפּיטאָלן און פון געקרענקטע — אין געריכט־הייזער; דער ווילדער יאַריד פון גיריקע ספּעקולאַנטן אויף דער געלט־בירזשע און פון אויסגעהונגערטע אַרבעטלאָזע אויפן מענטשן־מאַרק.

די משוגענע סערענאַדע פון אָקסישן פייער־וואָגן, וואָס צע־דרויבט דעם רוים אין זיין ווילבערדיקן לויף און דער קרענקלאַכער קלונג פון שטאָטישן אַמבולאַנס.

טריט ענדלאָזע, טריט ומאויפהערלאַכע, טריט דונערדיקע און טריט ציטערדיקע אין דעם קאָלאָסאַלן מאַרש פון שווער סאַפּנדיקן הערקולעס — ניו יאָרק.

# אַף די גאַסן פון מאַנהעטן

די גאַס איז מיין גייסטיקע שפּייזערן, מיין ביבליאָטעק, מיין יוניווערסיטעט. זי איז דער פּאַקנדער שונד־ראָמאַן און די לעצטע פילאָזאָפישע שיטה; זי איז די לאַנגע, געמאָסטענע קלאַסישע פּאָעמע און דאָס צאַמענברעכנדיקע ליד פון פוטוריסט.

אַ קליין פּאַסירונג־בילד אַף דער גאַס דערציילט אָפּט מער, ווי אַ געלעזענע סקיצע. אין די אויגן פון פאַרבייגייער, אין דעם הילוך פון מענטשן, לערנט מען מער, ווי פון דער אַקאַדעמישער לעקציע פון פּראָפעסאָר.

די גאַס לעבט און די הייזער און געביידעס אַף איר לעבן. די לעצטע שווייגן, נאָר אין זייער שווייגן ליגט אַ וועלט פון טיפזין, אַן אוצר פון דערציילערישקייט. מ'דאַרף נאָר קענען קוקן מיט די געהעריקע אויגן אַף זיי, עפענען זיי אויף זייער שאַץ פון זכרונות און סודות.

די גאַס איז קאַפּריזנע און בייט אירע שטימונגען מיטן בייטן זיך פון וועטער און פון צייט.

גאַסן זיינען לויט זייער עלטער ענלאַך צום מענטשלאַכן מין. די אַלטקייט מאַכט זיי אין דרייען געבויגן און זיי רופן אַרויס געפילן פון רחמנות צו זיך; אָדער עס גיט זיי צו דעם חן פון פּאַטריאַרך, די צאַרטקייט פון אַ שיין פאַרקאַמטן גרויען פּרויען־קאָפּ.

איך האָב מיר מיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צו געוויסע גאַסן. איך פאַרבענק זיך נאָך זיי, ווי נאָך געליבטע, זיי סטימולירן מיך און פאַרווייגן. זיי פילן אָן מיט אַ נאָגנדיקן אומעט, אָדער, מיט קינדערישער פרייד; זיי זיינען אַ טעמפּעל פאַר מיינע תפילות, אָדער אַ שענק פאַר מיין פאַרגעסן זיך אין שיכרות און באַרוישונג.

אין ערגעץ אָבער זיינען די גאַסן ניט אַזוי לעבנסרייך ווי אין

ניו יאָרק. דאָ נעמען זיי ארום דעם קאָסמאָס; דאָ אַנטפּלעקן זיי פאַר דיר די געשיכטע פון ראַסן, פעלקער און לענדער; פון דורות און עפּאָכעס.

ווייל איך, בין איך איטאַליע, הער איך אַרום זיך די מעלאָדישע, דינאַמיש ארויסגערעדטע איטאַליעניש שפּראַך. און ס׳מאַכט מיר ניט אויס, צי מען שעלט זיך אָף איר, צי דער פושקאַרד־פּעדלער שרייט אוים בקול רם זיין סחורה.

אָרים, געדיכט, שמאָל און געטאָ׳דיק איז די איטאַליענישע גאַס. דערפאַר אָבער פאַרמאָגן אירע איינוואוינער אוצרות, וואָס מען קאָן פאַר געלט ניט קויפן. גרויסע, שוואַרצע, גליענדיקע אויגן; פאַרברוינטע, רייצנדיק־זוניקע לייבער; געדיכטע פעך־שוואַרצע האָר, גבורה׳דיקע געמבעס; ליידנשאַפטלאַכן ברען אין וואָרט און ריד — זינגט אוים די איטאַליענישע געטאָ איר גלאָריעדיק ליד פון לעבן.

א טריט פון „איטאַליען”, בין איך אין אַלטן מזרח, אין כינע. נאָענטע שכנים, — נאָר דער קעגנזאַץ איינער פון צווייטן: פונקט ווי דער איטאַליענער איז אָפנהאַרציק, לעבעדיק, ברייט און שרייאיק, אַזוי איז דער כינעזער שווייגנדיק און פאַרשלאָסן אין־זיך.

שאַ... איר געפינט זיך אין לאַנד פון סודות, פון נירוואַנאַ, פון שטילע געמאָסטענע טריט, געבויגענע קעפּ און שמאָלע אָקסלען. די הייזלאַך, איינגעבויגענע, סודן זיך, שרעקן זיך. אין דער לופט דאַכט זיך, איז אָנגעשריבן: „דאָ איז לאַכן און רעדן הויך — פאַרבאָטן”. דאָ איז אַ מושב זקנים.

פון די געלע פאַרזויערטע פנימער פון די „ניט־טשעפּע־מיך” כינעזער, פון די אַנטיקן קראָמען־פענצטער, פון די קעלערס און פון די פאַרשלייערטע רעסטאָראַציעס, — פילט איר דעם אָטעם פון אַלטקייט, פון מיסטיק. איר דערפילט די גייסטיקע כינעזישע וואַנט, וואָס איז יצוליב אייך, דעם „באַרבאַר”, געבויט געוואָרן צו באַשיצן זיך פון פרעמדע איינפלוסן. דאָ איז דאָס שווערע געמיט, דאָ איז כינע.

און אַזוי קען איך מיר דורכוואַנדערן דורך אַלע לענדער, שפּאַ־

צירנדיק איבער די גאַסן פון מאַנהעטן. איך פרישטיק אין אַ דעניש־ער קאַפע; עס מיטאָג אין אַ בראַזילישן רעסטאָראַן און בײַ דער וועטשערע שוויץ איך איבער אַ רוסישן באָרשט, וועלכן איך זופּ אונטער די טענער פון באַלאַליַיקעס. אַרום מיר אַ רוסישער פּאָלקאָוניק־קעלנער, רוסישער לשון און „אַטמאָספערע“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב ליב די גאַס פון אָרימקייט. זי איז מיין גאַס. אין איר געפין איך דעם אויסדרוק פאַר מיין ליבע און צאָרן, פאַר מיין דערנידערונג און דערהויבונג. צום נאָענטסטן איז מיר די אידישע געטאָ, די איסט־סייד. שפּאַנענדיק איבער אירע, מיט לעבן אָנגע־פּיקעוועטע, שמוציקע, ברודיקע גאַסן; קוקנדיק אַף די פאַרהאַוועטע פאַרבייגייער; באַטראַכטנדיק די געוועלבער און קאַזאַרמע־הייזער — שוועבט פאַר מיר דורך דער גאַנצער אידישער גלות. די איסט־סייד — דאָס איז דאָס אידישע געשיכטע בוך פון גלות. אין ערגעץ קאָן מען ניט זען אַזעלכע פּנימער און טיפּן, ווי דאָ. אין ערגעץ פילט זיך ניט דער דלות, די ביטערע נויט, ווי דאָ. צע־קרומטע גופים, קאַליקעס, די טראַגעדיע פון אַלטקייט, צעבראָקלט־קייט, צעפּיצלטקייט, סימבאָלן פון אַ ניט־נאָרמאַל לעבן פון אַן אויסגעמוטשעט פאָלק.

וואָס עס וואַרפט זיך אָבער דאָ מער ווי אַלץ אין די אויגן, זיינען די קינדער, וואָס פאַרפלייצן די ענגע גאַסן. אומעטום זיי־נען זיי פול; הענגען אַף די טרעפּ־געזימסן; גראַבלען זיך, צוזאַמען מיט קעץ אין די מיסט־קאַנען, וואָס שטייען פאַראַדנע אויסגע־שטעלט באַם אריינגאַנג; שפּילן זיך אין מיטן גאַס, אונטערן טויט־שאָטן פון די לויערדיקע קאַרס, מאַשינען און וועגענער...

אַ סימבאָליש בילד. דער פּלאַץ פאַרן פּאַרקער איז שרעקלאָך שמאָל און ווי אַף צו להכעיס, פון אַלע זייטן — אויטאָס און וועגענער. אָבער פאַרשטעלנדיק זיי דעם וועג און אַזוי ווי איגנאָ־רירנדיק זיי, שפּילן זיך כּאַפּטעס קינדער, טאַנצן אונטער די טענער פון אַ קאַטערינקע. צו זיי, צו די קינדער, געהערט די וועלט. וואָס מיר אָרימקייט, אויסגעצערטקייט, דומפּע לופט און פינסטערע

שטיבלאך מיט געז־פלעמלאך; פארחושכטע, נערוועזע מאַמעס און פאַרדאגהטע, אויסגעהאָרעוועטע טאַטעס — די שיינע אייגעלאך פינקלען, לאַכן, פרייען זיך, וואָס זיי לעבן. ניט דאָס שמוץ זעען זיי ארום זיך, ניט דעם רעש הערן זיי ארום זיך; זיי, די קינדער, לעבן אין דער וועלט פון שפיל, פון פאַנטאַזיע; פון זאָרגלאָזיגקייט און אינערלאַכער לעבנס־פרייד. צו זיי געהערט די וועלט!

...פרייטיק פאַרנאַכט אַף הענרי סטריט דערמאָנט אייך אַן היימישן שול־געסל. אידן אויסגעצוואָגענע, מיט פאַרקאַמטע בערד, אין שבת־בגדים. ס'פילט זיך דער שבת אַף דער גאַס. אָנגעצונדענע ליכט אין די הייזער פינקלען אַף דער גאַס ארויס. קרייזלאך אידן אַרום די שולן. שבת קודש אַף דער וועלט... זייערע קינדער, די יונגאַטשעס, שפילן טאַקע אין באָל; די מיידלאך, מיט אָנגעצונדענע אויגן, פלירטעווען אפן שפּאַציר — נאָר אַלטווארג לעבט זיך אַזוי ווי קינדהייט — אין איר אייגענער וועלטל...

און ווילט זיך פאַרגעסן די שטיקנדע לופט און די שמאָלע גאַסן, ווילט זיך זען ווי די איסט־סייד י ו נ ג ט זיך, — גיט מען אַ שפּאַציר אַף גרענד סטריט און מ'ווערט אריינגעצויגן אין שטראָם פון גלאַנץ און רוישקייט. דער פאַראַד פון דער אָרימער גאַס. דער שפּאַציר פון יונגוואַרג. קראָמען מכל טוב ווינקן, רופן צו זיך. די גאַס לאַכט מיט הויך געלעכטער, יובלט אַזוי זיך, פון דער העלער הויט, אָן אַ פאַרוואָס.

וויל איך אָבער דערפילן ניו יאָרק, איר האַרץ און נשמה, וויל איך זען דעם שפיגל פון אונזער היגן לעבן, דאַן גיי איך אַף דער באוערי און אַף בראָדוויי.

אָוונט, צווישן זיבן און אַכט. פון אַלע טיילן פון גרויס־ניו־יאָרק שטראָמען מענטשן אויף בראָדוויי. פון אַלע אונטער־און־אויבן־באַנען, פון אַלע קאַרס, טעקסיס און מאַשינען, קריכן, שטופּן זיך, איילן זיך אויסגעדורשטע מענטשן צום גרויסן פעסט, צום פייערלאַכן יום־טוב, צום טעמפּל פון אַן אַ שיער צוזאַגנדיקע פאַרגעניגנס — צו בראָדוויי.

דאָ איז די צויבער־וועלט. ווער קען דען פאַרגעסן די שטראָ־

מענדיקע, פריידיקע שטראַלנדיקע ליכט און אילומינאַציעס פון בראָדוויי? די מיליאָנען ברענענדיקע אויגן אין דער הויך, וואָס לאָקערן, מאַניען, ווינקען און פאַנגען אייך אין זייער נעץ אריין?

ווער דערפילט ניט אַ נייעם שטראָם פון וואַרימקייט אין די בלוטן, ווערנדיק געטראָגן פון דער כוואַליענדיקער מענטשן־מאַסע, אויפ'ן שפּאַציר פון בראָדוויי? אַלץ איז דאָ יונג און שיין. בראָדוויי טאַנצט דעם וואַלץ פון לעבנס־פרייד. די פּנימער — אויפגע־רייצטע, אויסגעהונגערטע נאָך פאַרגעניגנס און יום־טוב'דיקייט; אַלץ איז אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק; אַ רעש, אַ געפילדער, ווי פאַר אַ נגיד'ישער חתונה; אַלע דערוואַרטן עפּעס; באַלד וועט מען זיך פילן גוט, אַזוי גוט...

און עפּעס ווי אויף צו להכעיס באַווייזט זיך צווישן דעם געדראַנג, צווישן דער שטראַליקייט — אַ בלינדער בעטלער, וואָס קלאַפּט און טאַפּט מיט זיין שטעקן, וואָס באַט אייך אָן זיין סחורה — בליישטיפטן און „גאָם". אַ דיסהאַרמאָניע אין דעם האַרמאָנישן אָרקעסטער.

ווי האָט ער געוואַגט צו שטערן די יום־טוב'דיקייט פון עולם!? געווים ווערט ער גלייך פאַרגעסן. אַזעלכע שיינע, רייצנדיקע, יונגע פרויען פילן אָן די טראָטואַרן, אַלץ שמעקט מיט עלעגאַנץ און ראַפי־נירטקייט. איבערהויפּט איז דאָס קענטיק אויף די גאַסן־מיידלאַך פון בראָדוויי. דאָרט, אין די וואָכעדיקע, אָרימע קוואַרטאַלן, זיינען די פּראָסטיטוטקעס פּראָסט, געמיין. די פּנימ'ער צופיל פאַר־שמינקט, ביליק; די קליידער יצו שרייאיק, בכלל ניט ערשט־קלאַסיק. דער אָנפאַנג פון וועלקן.

אַנדערש איז עס אַף בראָדוויי. די פּראָסטיטוטקע דאָ האָט מאַניערן; געקליידט לויט דער לעצטער מאָדע און איר שמייכל איז ניט פאַרשייט און פרעך, ווי בא אירע אָרימע שוועסטער. זי איז ראַפינירט, עלעגאַנט; זי איז פריש און צאַפּלדיק, יונג און רייצנדיק.

בראָדוויי זינגט דאָס ליד פון זעט און לוסט; דאָס געזאַנג

פון אַלע געזאַנגען; זי טרינקט א „לחיים“, א טאָוסט פאַר אַ לעבן פון וויין, ווייב און געזאַנג...

אָבער ניט ווייט פון בראָדוויי געפינט זיך די באוערי, וואָס שרייט אויס, אונטער׳ן געטראַסק פון די עלעווייטעדס און קאַרס, דאָס ליד פון אונטערגאַנג.

רעספּעקטאַבעלע בירגער פון בראָדוויי וויכן פון דער באוערי, ציטערן פאַר איר נאָמען, וואָס דערמאָנט זיי אָן אַ ניט־עלעגאַנטער צעפוילטקייט, אָדער וואָס מאָנט בא זיי אַ חוב און דראָט מיט אַ מאַזאַליסטער פויסט...

אויסוואורפן, פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע פון דער געזעלשאַפט; קרבנות פון אונזערע לעגאַלע פאַרברעכנס; אַלקאָהאָליקער, סיפיליטיקער; אַלטע פרויען, וואָס סקראָבן דילן און טרעפּ אויף בראָדוויי; אויסגעדינטע, פאַר קאַפּיטאַל נוצלאָזע, ארבעט־הענט; ארבעטסלאָזע, וואָס הונגערן; היימלאָזע, וואָס האָבן ניט קיינעם אויף דער וועלט, וואָס ווייסן ניט, און האָבן מסתמא קיינמאָל ניט געוואוסט, פון פעטע מאַלצייטן, פון וואוילטאָג־טעג; פּראָסטיטוטקעס — מיאוסע, קראַנקע, וואָס קענען שוין ניט באקומען קיין פיינעם פּרייז פאַר זיך. דאָס ברוכוואַרג פון אונזער לעבן, וואָס טוליעט זיך אונטער איין צעפוילטן דאַך — אַט דאָס איז די באוערי.

צעריסענע, צעלאַטעטע קליידער; דער ריח פון גיפטיקן, ביליקסטן בראַנפן; שיכור׳ע, פון די פיס פאַלנדיקע, פיגורן; אַף דער ערד ליגנדיקע, אַף טרעפּ און דורכגאַנגען אויסגעצויגענע מענטשן־קינדער; זידל־רייד און שעלטנדיק געברום און איבער דעם אַלעם — דער גייסט פון הייליקן יעזוס, די ברענענדיקע קרייצן פון די מיסיאָנערסקע הייזער, וועלכע ווילן ראַטעווען די נשמות נאָכ׳ן טויט — די בייזע איראָניע, דער שפּאָט פון אַ היפּאָקריטישער וועלט . . .

און וואַנדערנדיק איבער דער באוערי, זעענדיק אַרום זיך דעם קרומען שפּיגל פון אונזער לעבן, דערמאָנסטו זיך אין דעם אין ליכט און וואוילטאָג זיך באָדנדיקער בראָדוויי און עס קומט אַפן

נעראנס די נביא'ישע פראזע „מנא, מנא, תקל ופרסין". אט די אומזעבארע מענטשלאכע האנט, וואס האט באנאכט אין בלשאצרס פאלאץ, באם זארגלאזן, רוישענדן פעסט, אנגעשריבן אף דער ווייסער וואנט, מיט אותיות פון פייער דעם טויט־אורטייל פון הפקר'דיקן קעניג.

קען מען דען פארגעסן די נביא'ישע סטראף פון היינע'ס „בלשאצר":

„און זע! און זע! אויף ווייסער וואנט
באווייזט זיך פלוצלינג א מענטשן־האנט,
און שרייבט און שרייבט אף דער וואנט און צינדט
בוכשטאבן פון פייער און שרייבט און שווינדט".

די אויסגעפוצטע בראָדוויי הוליעט, יובלט, ווי אין אלטן בבל, און זי הערט ניט דעם קרעכץ פון דער באוערי.

# היינט

איך האָב היינט, אין נעפּל־גרויען מאָרגן־ליכט, געזען ווי אַלטע, אויסגעדינטע לוין־שקלאַפן האָבן זיך, מיט בלעכענע שפּייז־קעסטלאַך, געשלעפּט שלאַבערדיק צו דער אַרבעט און זייערע איינגעפאַלענע פּנימער האָבן דאָס אָנקומען פון ליכטיקן פרימאָרגן ניט געפילט, נאָר אַן אימפּעטיקער פּחד האָט פון די אויסגעלאָשענע אויגן אַרויסגעסטאַרטשעט.

אַף דער באַוערי און אַף סקווערן האָב איך טויזנטער אַרבעט־לאָזע זיך אַרומבלאָנקען געזען. אין בלויע אָווער־אָלס, ברייט־פּלייציקע און מוסקולירטע, מיט גיריקע בליקן און פאַרחלשטע, שווייגנדיקע ליפּן, האָבן זיי פאַרצווייפלטע און הילפלאָזע מאַרשירט, מעסטנדיק די גאַסן.

מיטאָק־צייט האָב איך אין אָטאָמאַט אַרבעטער עסנדיק געזען. אין מוראַדיקן אייל האָבן זיי געפּאַקט די שטיקער סענדוויטש אין אויפגעבלאָזענעם מויל, מיט איין אויג אויפן זייגער, שטייענדיק בא די עס־שטענדערדס און ווערנדיק געשטופּט און געשטויסן אין עס־געדראַנג.

איך האָב היינט פאַרנאַכט, אין גהינומדיקער סאָבוויי־שעה געזען ווי אַרבעטער האָבן זיך אין סאָב־וואַגאָן געפּרואווט אַריינקוועטשן, אַראָפּלויפנדיק די שטיגן אין וואַנזיניקן געאייל און ווערנדק געשטורכעט און געוואָרפן פון אַלע זייטן, אַבי אַהיימצו־קומען אַ רגע פריער.

אין וואַגאָנען־קלעם האָבן שוויסיקע לייבער, צעקרימטע אבֿרים און הערץ צו הערץ זיך צונויפגעקנוילט — און זיינען האָך גע־בליבן פיינטלאַך און ווילד־פרעמד איינער צום אַנדערן.

מאַטע, בלייכע פּנימער זיינען געווען אויסגעלעכצטע נאָך רו

— און סאָבוויי־רעדער האָבן גערעוועט און געגרילצט און וואַנזיניק געהוזקט פון אויסגעמוטשעטע, שטייענדיקע און הונגעריקע פּאָרער.

שאַפּ האָט אויסגעזויגן דעם בלוט און מילך־קאָליר פון די יונגע מיידלאַך און וויפיל שמינק און פּודער־שאַכטלען האָבן ניט גע־פּרואווט פאַרבייטן דאָס ביסעלע נאַטור־פאַרב, זיינען אָבער שוואַר־צע רינגען אַרום די אויגן און פאַרחלשטע, קאַרמינטע ליפּן עדות געווען פון אַ לעבן, וואָס ווערט פאַרשווענדט פאַר אַ לומפּיקן באָס.

און אינגלאַך האָב איך אַף טראָטוואַרן געזען, מיט שוואַרצע סאַזשע־הענט און פאַרשמירטע פּנימער, וואָס האָבן מיט רחמנות־דיקע קולות געבעטן זיך באַ דורכגייער די שיך צו פּוצן. און איך האָב אויך געזען, ווי אַ זעקס פּוסיקער, רויט־קאַרקיקער פּאָליסמאַן האָט פון אַ נעגער־קינד זיין שוך־פּוץ־קעסטעלע מיט רציחה אַרויס־געריסן און עס אָן שטיינערנעם ברוק צעשמעטערט און דעם וויינענ־דיקן אינגל אַ בריק געגעבן.

אין שפּעטן אָוונט האָב איך אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אינגלאַך צייטונגס־פאַרקויפער געזען, אַף גאַסן און פאַרשטיקטע סאָבווייס — אין קעלט, אין נעץ, הייזעריקע, פאַרקילטע...

איך האָב היינט אָוונט אַזויפיל לימוזינען אַף דער פינפטער עווענױ געזען, מיט אויסגעפּאַשעטע ,אויסגעבאַליעטע מענער און פרויען אין זיי, וואָס זייערע שאָפערן האָבן זיי אַף בראָדוויי געפירט.

שיין איז געווען די עווענױ און ריין, און אירע אויסשטעל־פענצטער האָבן געצויבערט און געמאַניעט צו זיך. אירע אויסגע־צירטע טורעם־הייזער זיינען געשטאַנען מיט קעפּ פאַרריסענע צו די נעפּלדיקע רוימען און די עווענױ האָט זיך געריסט און געגרויסט: ווי גוט, ווי וואויל עס איז צו זיין אַ בלויער אָדער פון מאַגנאַט — ניו יאָרק.

מיט לוסט און רייץ האָבן געוואונקען צו מיר די טויזנטער ראַשיקע ליכטער פון אָוונטיקער בראָדוויי און אַריינגעצויגן אין ווירוואַר אַריין.

ווער עס וויל זאָט ווערן מיט פאַרגעניגן, זאָל קומען אַפּן

גרויסן יאַריד — בראָדוויי. אַלץ איז דאָ צו באַקומען: געלעכטער און קיצל, קראָקאָדיל־טרערן און האַרץ־עליקסיר — פאַרכלינעט צו ווערן פון די גײַסטיקע פּאַטראָנעס.

די שענסטע מיידלאַך פון דער גאָרער וועלט — אויף בראָדוויי. די טײַערסטע פיס פון צווײ־פיסיקן מין — אויף בראָדוויי. די באַחנטסטע חן־גריבעלאַך — אויף בראָדוויי. די געטאָקטסטע פּאָר אַקסלען פון באַשעפער — אויף בראָדוויי...

ס׳איז גוט, ס׳איז אַ מחיה צו פאַרברענגען אויף בראָדוויי. נאָר צווישן די אַקטן, אין איבעררײַס צײַט, גייט מען פון אָנגעהייצטן, פאַרפיומירטן טעאַטער, אויפן גאַס אַרויס, אַ פרייען אָטעם טאָן — און ס׳קומט אַנטקעגן אַן אײַנגעהויקערטע, קנאָכיקע, אַלטיטשקע, אין אַ שוואַרצן אָפּגעריבענעם מאַנטל, מיט אַ קערבל אין אויסגעקוואַרטע, ציטערדיקע הענט: „גיט צו לייזן פּאָר אַ פּעקל טשואינגגאָם, לעמאָן־דראָפּס, לײַף־סייווערס“.

אָדער —

אַ פּאָר אויסגעפּראָרענע אינגלאַך — אַ נעגער און אַ ווײַסהויטיקער — שטעלן זיך אויפן טראָטואַר טאַנצן דעם „בלעק־באָטאָם“ און דער טעאַטער־עולם רעדלט זיי אַרום און וואַרפט — ווי צו אַ הונגעריקן הונט אַ ביין — ניקלס און דײַמס.

אויפן וועג אַהיים האָט מיך אַ פרעמדער אויסגעצערטער יונגערמאַן הײַנט אָפּגעשטעלט און אַ טשעפּע געטאָן: „גיב צושטײַער פאַר אַ נאַכטלעגער, פרײַנט, איך בין אַ פרעמדער אַרבעטלאָזער דאָ.

אויף די קאַלטע בענק פון סקווער האָב איך היימלאָזע געזען, וואָס האָבן זיך מיט צײַטונגס־בלעטער אויסגעבעט און צוגעדעקט און די פינקלדיקע מעשענע און די העלבאַלויכטענע עלעקטרישע שילדן פון די פּאַלאַצן־באַנקען אַרום האָבן זיך חוצפּהדיק באַרימט מיט זייערע מיליאָנענדיקע פאַרמעגנס.

על־באַן האָט זיך פאַרקירעוועט אין שמאָלע טענעמענט־גאַסן און געשלענגלט זיך פאַרבײַ שמוציקע מויערן און אַרײַנגעסטוקעט אין גאַז־באַלויכטענע פענצטער, וואָס האָבן עדות געזאָגט פון דחקות און נויט.

און ערגעץ, אין פאַררויכערטע און דושנע זאַלן, האָבן ארבעטער, וואַכע און צעברויזטע, זיך געקאָכט און געאַמפּערט און פּויסטן געביילט און הערצער געשטאָלט געגן אן אומזעבאַרן מאָנסטער, וואָס האָט זייערע לעבנס צעקריפּלט און פאַרשניטן.

# באוערי

פון שטענדיק אָן האָט עס מיך געצויגן צו דער גאַס פון די אויסגעשפּיגענע, די פאַרשטויסענע פון דער געזעלשאַפט; דאָרטן, וואו עס האַלטן זיך אויף די קרומע שאָטנס פון אונזער געזעלשאַפט־לאַכער אומאָרדנונג, די קרבנות און עדות פון אַ וועלט, געבויט אַף רויב און שווינדל.

איך האָב ליב די באוערי. זי איז מיר נאָענט. ווען איך שפּאַציר ניט אַף איר אַ צייט לאַנג, כאַפּט מיך ארום אַ בענקע־ניש נאָך איר. זי פעלט מיר אויס אין מיין טאָג־טעגלאַכן לעבן.

און פאַרלאָז איך ניו יאָרק, איז וואו איך קום, זוך איך די באוערי פון יענער שטאָט. ניט די וואונדער פון דער שטאָט וויל איך זען, נאָר אירע וואונדן, איר שאַנד.

איך קום ניט אַף דער באוערי צו דערוועקן אין זיך געפילן פון רחמנות צו די אומגליקלאַכע בירגער אירע. מיט עקל קוק איך אַף די „סאַלוויישאָניסטן“, וואָס ווילן פאַר אַ טעפּל לינדזן אָפּקויפן די נשמה פון באָם; מיט פאַראַכטונג באַטראַכט איך די נייגעריקע, וואָס ווילן כאַפּן אַ קוק אַף די באוערי־טרעמפּס.

איך, דער עסטעט, דער פיינשמעקער, דער ראַפינירטער קולטור־מענטש, קום אַף דער באוערי צו זען ז י ך, אין מיין אמת'ער, נאַקעטער געשטאַלט.

מיין אויסגעפרעסטער, גוט־גענייטער אָנצוג; מיין ווייסער קאָלנער, מיט'ן צוגעפּאַסטן קראַוואַט; די אָפּגעפּוצטע שיך מיט'ן נאָך אָפּגעפּוצטערן פּנים; דאָס שפּיגלען זיך אין ציוויליזאַציע־שפּיגל — וואָס פאַר אַ פּנים באַקומט דאָס אַלץ, קומענדיק פּנים אל פּנים מיט דער באוערי־גאַלערי פון טרעמפּס און אויסוואורפן!

זי, די באָוערי, רייסט אראָפּ פון מיר די מאַסקע און ווייזט מיר וואו איך באַלאַנג!

בין איך דען בעסער פון דעם לויזיקן אויסוואורף, וואָס וואַל־גערט זיך אַ שיכורער אפן טראָטואר; וואָס האָט ניט מער קיינעם אין לעבן, אויסער זיין חבר־אויסוואורף, וואָס וואַלגערט זיך ווי ער, אַף די באָוערי׳ס פון גאָר דער וועלט?

קוק אים אָן, דעם טרעמפּ — און דערזע דיין אייגענע נאַקעטקייט, דערפיל דיין אייגענע קללה.

אַן אַלקאָהאָליקער, אַ סיפיליטיקער, גרייט זיך צו שלאָגן — און צו קושן אין דערזעלבער צייט; שעלט אויס, אָן אויפהער, זיין ליד פון אונטערגאַנג, באַגלייט פון עלעווייטעד־געבראַזג און קאַר־נעטראַסק; זיין פויסט געביילט קעגן דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אים צעקריפּלט און פאַרשטויסן פון זיך...

זע, מיט וואָס פאַר אַ גיריקע אויגן ער פאָלגט נאָך יעדע דורכגייענדיקע פרוי; זע, ווי אויסגעהונגערט ער איז — פונקט אַזוי ווי דו — נאָך ליבע, נאָך פרויאישער וואַרימקייט און צאַרטקייט.

די רעסטאָראַנען מאַניען אים. פאַר 20 סענט זאָגן זיי צו אַ מאָלצייט פון פינף געריכטן. פאַר צוואַנציק סענט!

פאַר פינף־און־דרייסיק סענט אַ נאַכט לאַדט מען אים איין איבערצוגעכטיקן אין אַ „האָטעל", וואָס הייסט „ראָיאַל"!

דער טראָטואר איז זיין וועלט. די ענגע, שמוציקע, שטינקענ־דיקע טראָטואַרן פון דער באָוערי, מיט דעם גהינום־רעש פון אַלע זייטן, מיטן על־דאַך איבער די קעפּ! דאָרטן, אין דער האַוועניש, אין גערדענג פון טויזנטער דורכגייער, גייט דורך, גייט אויס זיין לעבן.

ווער איז ער, דער טרעמפּ? פאַרוואָס איז ער אַ זוי און ניט אַ זוי? קוק אריין אין זיין הארצן, עפן אויף די טראַנטעס פון זיין נשמה, וואָס האַלט זיך אויף אין זיין פוילנדיקן גוף — און געפין זיך אליין דאָרטן.

דער טרעמפּ איז אַמאָל, אַזוי ווי דו, אַ קינד געווען; דער

טרעמפּ האָט א היים געהאַט, עלטערן און ברידער און שוועסטער און משפחה. דער טרעמפּ האָט אַמאָל געליבט, געהאָפט, געטרוימט — אַזוי ווי דו, ווי דו.

דער טרעמפּ האָט ניט געוואָלט, ניט געקענט שלום מאַכן מיט׳ן לעבן, מיט דער וועלט, מיט דער געזעלשאַפט.

דער טרעמפּ האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע גאַזן פון אונזער טשאַדעדיקן לעבן; די מכות פון אונזער געזעלשאַפט האָבן אָנגע־שטעקט זיין גוף; די ליידן פון אומגליקלאַכע און צעטראָטענע זיינען אריין אין זיין בלוט.

ער איז דער נייער יעזוס — געקרייציקט פון אונזער פּאַראַ־זיטן־סיסטעם; זיין וואַקלענדיקער הילוך אַף דער באוערי איז אַן אָנזאָג פון א ריזן־פּראָצעסיע פון אַלע אונטערדריקטע און ליידנדיקע. זיין שטילע קללה איז די טאָן־געבערן פון א צום הימל־גרייכענדן פלוך פון דער ענדלאָזער מאַסע, אין צאָרן דערוואַכטע.

אַראָפּ מיט דער מאַסקע! מיין חוב צו דער באוערי דראָט און פּאָדערט. איך באַלאַנג צו איר. איך בין איינער פון איר.

ניט די וואונדער פון ניו יאָרק קום זען, נאָר אירע וואונדן.
קום, דו באַלאַנגסט אהין.

די מילשטיינער פון אונזער לעבן צערייבן טאָג־טעגלאך אונ־זערע שענסטע טרוימען, אונזערע טייערסטע דערגרייכונגען און די נאָענטסטע הערצער. און דאָס ברוכוואַרג פון אונזער וועלט ווערט ארויסגעשליידערט אַף דער באוערי.

פון אַלע עקן וועלט קומען זיי אהער. יונג און אַלט. קלוג און נאַריש. פון אַלע פעלקער און שטאַמען, מיט אַלע מעלות און חסרונות.

די באוערי איז די קאָסמאָס־אויסשטעלונג פון ברוכוואַרג־הערצער, די שאַרפסטע שלאַכט־ליניע פון קלאַסן־מלחמה.

קום זען דעם קרומען שפּיגל פון אונזער אָרדנונג. עס דער־וואַרט דיך א קבלת פנים פון שטאָלצן ניו יאָרק. קום דערקענען זיך אליין — צווישן די היימלאָזע, צעקרעציקטע טרעמפּס, אין האַרץ פון דיין שטאָט, אַף דער באוערי...

# שבת נאָכמיטאָג אױף דער באַוערי

גייסט אױף דער באַוערי, פֿאַרלאַנגזאַמסט די טריט. דאָס אויג שטעלט זיך אָפּ, אָדער וואַנדערט, אױף פֿאַרשיידענע טיפּן און סצענעס.

דער „על" באַראַבאַנעוועט איבערן קאָפּ, די מאַשינען פּייפֿן, דאַכט זיך, גלייך אין אויער אַריין, דאָס קאַר־געבראַם פֿאַרטויבט. און אױפֿן טראָטואַר, אַרום דיר און פֿאַר דיר און הינטער דיר — וואַקלענדיקע פֿיגורן, אין בלויע אַרבעט־העמדער, אין שמוציקע אָוועראָלס, מיט פֿאַריסטע פּנימער און הענט; האַלב־שיכורע מענטשן באַוועגן זיך, ווי מאַריאָנעטן... עס דוכט זיך: די באַוערי וואַקלט זיך, און איבער איר — דער „על", און אױף איר — אַלע מענטשן; און דו אַליין גייסט אויך שוין ניט מער גלייך, נאָר וואַקלסט זיך גלייך מיט דער פּראָצעסיע...

די באַוערי — די היים פֿון די היימלאָזע! און — די איראָניע פֿון מזל — גראָד אױף דער גאַס געפֿינען זיך אַלע קראָמען פֿאַר די, וואָס האַלטן באַם אײַנאָרדענען פֿאַר זיך אַ היים. קראָמען פֿון מעבל — נײַע און גענוצטע; מאַגאַזינען פֿון געשירן און גלאָז־וואַרג און בכלל הויזוואַרג.

און דער טרעמפּ, ווען ער איז ניט שיכור, קוקט אַרײַן אין די אויסשטעל־פֿענצטער און באַטראַכט די אַלע זאַכן, וואָס באַצירן און באַשיינען אַ וואַרימע היים. וואָס טראַכט בײַ זיך דאַן דער היימלאָזער טרעמפּ?

וואָס קען טראַכטן אַ טרעמפּ, וואָס דאָס לעבן האָט אים אויס־געשפּיגן פֿון זײַנע רייען?

שבת נאָכמיטאָג שיכור'ט דער פּראָלעטאַריער־טרעמפּ, דער לייבאָרער, דער טאָג־שקלאַף, וואָס פֿאַרקויפֿט זײַנע מוסקולן צו

וואָס עס מאַכט זיך, און, געוויינטלאַך, טוט ער די שווערסטע פיזישע ארבעט פאַר דעם מינימאַלסטן לוין.

שבת באַקומט ער די „פּעי" און ער פאַרטאַכלעוועט זי אין די שענקלאַך פון דער באָוערי.

וואַקלען זיך שיכורים — און טשעפּען זיך איינער צום אַנדערן.

קומען דערפון אַרויס געשלעגן, אָדער אַ גוט־ברודערשאַפט, וואָס ווערט געיובלט דורך אַ נייעם טרונק.

די שטענדיקע לײדיקגייער־שיכורים פון דער באָוערי וואַרטן אַף די שווער־פאַרהאָרעוועטע טרונקען פון די פּראָלעטאַריער־טרעמפּס. זיי שטייען אַף די ראָגן, אָדער בײַ די שענקען און פּרובירן געווינען דעם צוטרוי פון דעם אָוועראָל־טרעמפּ. און עס גיט זיך זיי איין.

---

צוויי שיכורים שטויסן זיך, ניט ווילנדיק, אָן איינער אָן צווייטן. זיי פאַרמעסטן זיך מיט פיינטלאַכע בליקן. שטעלן זיך אַנטקעגן, ווי צוויי אָנגעשפּיצטע הענער, און מען הויבט זיך אָן, מיר־ניט־דיר־ניט, זידלען אין טאַטנס־טאַטן אַריין.

קלײבט זיך פונדערווייטנס אַ רעדל און מ'וואַרט אומגעדולדיקע, אַז מ'זאָל זיך צעפּראַסקען...

שטעלט איינער פון די „הענער" דעם צווייטן אַ „פּייג" אונטער'ן נאָז, שרייט, אַ הייזעריקער, אַז ער מוז אים פון וועג אָפּראַמען; שווערט זיך באַם האַר־יעזוס, אַז ער וועט אים דעם קאָפּ צעפּלעטן...

שטייט דער צווייטער, אַ מער געלאַסענער, נאָר מיט פּויסטן נעבײַלטע און שפּייט אַרויס לאַקאָנישע ווערטער, וואָס צערייצן מער דעם ערשטן.

ווערט דער ערשטער נאָך מער צעברויזט, פון אָפענעם מויל שוימט אַרויס אַ ווייסע פּיענע, דאָס פּנים אין קאָנוואולסיעס, די אָרעמס צעפּאָכנדיק גלײַך אונטערן צווייטנס נאָז.

דעם עולם געפעלט ניט דעם צווייטנס קאַלטבלוטיקייט, וואָס שוואַכט אָפּ די שאַנסן צו זען אַ „פּייט"...

דער ערשטער שיפּעט אַף די העכסטע טענער. וואַרפט אַראָפּ פון זיך ס'מיצל און דעם שימלדיקן ראָק און שרייט: „קאַם־אָן!“ „אַ סוף מוז עס איצט נעמען!“ אָבער אַליין וואַגט ער ניט צו געבן דעם ערשטן קלאַפּ (ספּאָרטישע עטיק!).

פּלוצלונג שטרעקט דער צווייטער אויס זיין מאַזאָליסטע, ברייטע האַנט צום קעגנער און זאָגט: „שטעק אַריין!“

דער ערשטער בלייבט געפּלעפט פון צווייטנס אומדערוואַרטער האַנדלונג און לייגט אַרויף זיין אָרעם אַפן צווייטנס פּלייצע, גוט ברודעריש.

דער צווייטער גיט דעם ערשטן אַ נעם אַרום און אַ שאָקל חבר'יש.

דער ערשטער רופט זיך אָן, גערירט: „קום, באָדי“, וועסטו נעמען אַ טרונק אַף מיר“ (אַף מיין חשבון).

זיי גייען אָפּ. דער עולם צעגייט זיך אַן אַנטוישטער...

---

ניט איינמאָל באַגעגנסטו קינסטלער־פּנים'ער צווישן די טרעמפּס. אַ שטאַרקן איינדרוק לאָזן תמיד איבער די זיידעס־טיפּן אַף דער באַוערי. געאיידלטע פּיזיאָנאָמיעס, לאַנגע אַש־האָר, מיט אימפּאָזאַנטע בערד; זיי רופן אַרויס צו זיך אַ געפיל פון דרך־ארץ. זיי זיינען קיינמאָל ניט שיכור. גייען זיך זייער וועג, ניט פאַר־טשעפּענדיק קיינעם, מיט פּעקלאַך צונויפגעקליבענע צייטונגען אונטערן אָרעם.

טיילווייז זיצן זיי, אָדער ליגן, אַף די שוועלן פון פאַרמאַכטע קלייטן און עסן, אָדער לייענען צייטונגען.

עפּעס אַ רו ווייעט פון זיי. זייער שווייגן מאָנט אָבער אַ חוב בא דער וועלט. זייער בליק איז אַ פאַרלאָשענער און דאָך אַ דורכ־דרינגענדיקער.

ווער זיינען זיי? וואָס פאַר אַ ראָלע האָבן זיי געשפּילט אין לעבן און פאַרוואָס קוקן זיי אַף דיר מיט אַזאַ קלוגן, סקעפּטישן בליק?

טרעפן זיי פאַראוים די וועגן פון דיין לעבן? זיינען זיי דיך מקנא, אָדער באַדויערן זיי דיך?

נאָר ווען דו טרעפסט זיי אָן, פילסטו זיך פאַרשולדיקט קעגן זיי, ווילסט זיך ווי פאַרענטפערן און דו ווייסט ניט פאַרוואָס און פאַרוועו.

דו גייסט זיי פאַרביי. דיין אויג זאַפּט איין פרישע איינדרוקן, נאָר עס פאַרפאָלגן דיך די פּנים׳ער און בליקן פון די אַלטע, גרויע, היימלאָזע פאַטריאַרכן פון דער באוערי...

# העסטער פּאַרק

העסטער פּאַרק — די קרוין פון דער מלוכה פון דער איסט־סייד; דער צענטראַלער פּונקט, פון וואַנען מ'קען אַ פריי׳ען בליק טאָן צום הימל און אַ ברייטן אָטעם טאָן.

פאַר'יתומ'טע פּאָר ביימער, וואָס ווייסן, אַז זייער סוף איז נאָענט, אַביסל גרין גראָז, איינגעפּאַסט — ווי בריליאַנטן — אין הויכע דראָטענע פּאַרקנס, וואָס ווערן נאָך טאָפּלט באַשיצט פון רחמים־בעטנדיקע גרויסע שילדן: „קיפּ אָף". און דאָך ווערט דאָס גראָז פאַרוואָרפן פון פּאַפּירן און בלעטער און אָפּעלסין־און באַנאַנע־שאָלאַכץ.

גרוים ווי אַ גענעץ, נאָר וואָס פּאַר אַ חשוב'ע שכנים טוליען זיך צו אים; עטלאַכע בענק, נאָר וויפיל וועלטן, דורות און פעלקער געפינען זיך טאָג־טעגלאַך אָף זיי!

ראַטגערס סקווער — אויך מיר אַ סקווער! נאָר וויפיל קאַפּיטלען פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג פאַרבאָרגט ער אין זיך; וויפיל דראָענדע פויסטן און פּראָטעסטן פון צער און צאָרן האָט דער רוים אַרום אים איינגעזאַפּט!

און אָפּגעלאָזענער פּאַוויליאָן מיט אַ האַלב־אָפּגעריבענער שילד אין אַ סיטי־האָל־אידיש:

„דיזער פּאַוויליאָן איזט נור פיר מוטערס אונד בייבים".

און ניט איין נאַאיווער אידישיסט האָט מסתם שטאָלצירט מיט דעם. שפּרייזן מיר אַרויף אין פּאַוויליאָן אריין. און אָף די בענק זיצן אָדער ליגן בלויז מענער, יונג און אַלט. און די „מוטערס מיט די בייבים" זיינען, ווייזט אויס, אין גלות פאַרטריבן געוואָרן.

אין אַן ענג חדר'ל זיצט אַ וועכטער און היט — היימלאָזע קעץ און קעצלאַך. געווים קען מען אין דעם זען אַ רמז, אַ סימבאָל

אַף יעפּעס גרויס, וויכטיקס, נאָר זאָלן די סימבאָליסטן, די פיינ־שמעקער און די מגידים און דרשנים פון כל־ישראל־באַוועגונגען געבן זייער פּירוש דערויף...

פּאַבליק סקול 62, די ריזיקע פעסטונג פון און פאַר קינדער, דער שמעלץ־טאָפּ פון אַמעריקאַניזאַציע, וואו עס ווערט אויפגע־האָדעוועט אַ דור, וואָס קען זיך דערהויבן ביז'ן פּרעזידענט־שטול און דערהייבט זיך אָבער, געוויינטלאַך, אַף די קני פאַר אַמעריקאַנער געלט־זעק.

איינע פון די גרעסטע פאָלק־שולן אין דער וועלט, כמעט אינגאַנצן אָנגעפּיקעוועט מיט טויזנטער אידישע קינדער, וואָס קומען אַרויס פון די אָרימסטע, פאַר'חושכ'סטע געטאָ־קוואַרטאַלן — און ווי ווערן די קינדער צוגעגרייט אַרויסצוגיין אין קאַמף פון לעבן? ווערט זיי דערקלערט וועגן דעם ביטערן לעבן פון זייערע עלטערן? ווערט זיי געוויזן דער וועג פון אַ ליכטיקערער, פרייערער צוקונפט?

אַט האָט זיך די שול פאַרמאַכט פאַר'ן זומער, און די טויזנטער קינדער וועלן זיך וואַלגערן איבער די שטינקענדיקע, פאַרפעסטעטע סדום־גאַסן, אַרומגערינגלט פון די גרעסטע געפאַרן, וואָס לויערן אַף זייערע פרישע לעבנס. באַלד וועלן זיך די טויזנטער קינדער אַ לאָז טאָן פאַרדינען זייער ברויט — פּעדלענדיק, שקלאַפנדיק... אונזער האָפנונג, אונזער שטאָלץ — די יונגוואַרג פון דער איסט־סייד!

האַרט קעגנאיבער פון דער שול, אין „פּאַרק", געפינט זיך די „בירזשע". דיקע בענדער דאַרפן וועגן איר געשריבן ווערן; קולטור־היסטאָריקער און פאָרשער דאַרפן אַ קאַפּעדרע צוליב איר האָבן; פּאָעטן דאַרפן זי פאַראייביקן...

פון פרי ביז נאַכט קאָכט דאָ און זידט דער גרויסער האַנדל, די ריזיקע געשעפטן הערן ניט אויף, די רעספּעקטאַבעלע סוחרים און חשובע קונים (אָדער פאַרקערט) ווערן ניט מיד...

אַלטע אידן, וואָס האָבן ניט קיין כח צו פירן זייערע מסחרים שטייענדיק, טוען דאָס — זיצנדיק, אַף די פּאַרק־בענק. אַלטע שיך, אָן בענדלאַך, שיך — עלטער פון זיי — פאַרקויפן זיי; אַלטע פּאָר

הויזן, נייע גומענע העמד־קאָלנערס, געניצטע קראַוואַטן, געוואַשענע שקאַרפּעטקעס, — מכל טוב איז דאָ אַף דער „בירזשע".

יונגעלייט, פּול־רום טיפּן, מיט אומשולדיקע בליקן און שולדיקע הענט, האַלטן זייגערס, ווי טייבעלאַך יצאַרטע, אין זייערע הענט; און קייטלאַך גאָלדענע און רינגעלאַך בריליאַנטענע און נאָך עפּעס און נאָך עפּעס — קומט נאָר צו, וועט מען שוין דורכקומען.

און איירישע רויט־פּנימער טראָגן אויך צו זייער חלק אַפן מארק — רינגען זיך און שווערן זיך און שעלטן — יענעם — נאָר לייטיש. און אָפּט האַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט מען פאַרפאַרן איינס ס'אַנדערע, אָבער — ס'איז איין משפּחה, מען מאַכט בלויז דעם אָנשטעל, סיי דער סוחר, — סיי דער קונה ווייסן, אַז איין האַנט וואַשט די אַנדערע — און ביידע בלייבן ניט ריין...

אַף די ווינקל־בענקלאַך פון דער „בירזשע" זיצן האַרעפּאַשני־קעס — אידן סטאָליאַרעס, גלעזערס, פאַרבערס, מיט זייערע געצייגן, פאַרטיק צו דער אַרבעט. נאָר זי קומט ניט, די פרינצעסין פון אַרבעט, די געליבטע, אַף וועלכער זיי קוקן די אויגן אויס. שוין עלטערע אידן, אַ טייל פון זיי, נישטאָ אַמאָליקע כחות — איז וויפיל עס מאַכט זיך איז אויך גענוג. נאָר ניט שטענדיק מאַכט זיך עס.

זיצט מען אַף די בענק, נעצייג געטוליעט צו זיך און מען דרעמלט, אָדער מען שמועסט פון אַמאָליקע גוטע צייטן.

נעבן דער „בירזשע", באַם פּאַוויליאָן, געפינען זיך תמיד חברה קרעבס־שפּילער, פּראָפעסיאָנעלע געמבלערס; יונגוואַרג מיט צע־יושעטע בלוטן, מיט דאָלאַר בילס אין די הענט און מ'שפּילט און מ'פאַרשפּילט געלט, — ווער ווייסט פון וועמען פאַרהאַרעוועטע.

וואו זיינען אונזערע פּראָפעסיאָנעלע אָרדנונג־היטער דאַן? זיי זיינען דאָ, דערנעבן, נאָר מיט אויגן פרום־פאַרגלאָצטע — צום הימל, משמעות, אין פּאָעטישער פאַרטראַכטקייט, געוויס (ווער ווייסט סאַרא פּאָעמען ווערן באַ זיי רייף?)

לאָמיר אוועק פון בירזשע־טומל, לאָמיר ניט ווערן אָנגעשטעקט פון קרעפּס־אַזאַרט. קומט אַהין, וואו עס הערשט די רו. צוויי שפּאַן איננאַנצן. מיר זיינען דאָ.

אַלע בענק באַזעצט. ס'איז העלער טאָג און — שאַ, ווי רואיק, שטיל! אָט וועלן מיר אַ באַטראַכט טאָן אַ באַנק מיט פאַרשווינען — אַ שלאָף־באַנק. אַלע זיצנדיקע דרעמלען אָדער כראָפּען, אונטער דער וואַרימקייט פון דער ליבער זון. צוויי נעגערס, אין אַרבעטס־קליידער, מיט אָפענע, פאַנאַדערגעשפּרייטע מיילער, מיט גלאַנציקע, פאַרשמאָלצטע פּנים'ער; די לאַנגע פיס זייערע אויסגעצויגן שטייף, די בייכער פאַראַדנע פאַראויס.

אַן אַלטער איד, מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד, מיט אַ יאַרמלקע אַפ'ן קאָפּ, אין אַן אַלפּאַגע־כאַלאַט און לעדערנע פאַנטאָפל, זיצט אָנגעשפּאַרט מיט'ן אָרעם אַפ'ן רוקן פון דער באַנק און דרעמלט באַלעבאַטיש. מסתמא אויסגעגעבענע קינדער, געשפּילט אַמאָל אַ חשוב'ע ראָלע, קיין דאגות פּרנסה ניט פאַראַן — און העסטער פּאַרק באַלאַנגט צו כל ישראל און צו ר' ישראל. אַי די ערלים, איז אַבי זיי טשעפּען ניט, מעגן זיי דאָ זיין.

אַ הויכער איירישמאַן, מיט אַ שכור'ער צורה, אין צעריסענע מלבושים, דער קאָפּ און נאַקן טיף געזונקען איבער דער ברוסט. דער גאַנצער גוף דרייט זיך איין ווי אַ קנויל; אַ גערוך פון ביליקן בראַנפן ארום אים, און אונטער אים — אַף דער ערד — אַ נעץ; די קנאָכיקע הענט הילפלאָז אַראָפּ, ווי אָפּגעבראָכענע, טויטע צווייגן אַף אַ בוים.

נאָך אַ איד, מיט אַ נאָדלדיק בערדל. די אויגן פיינלאַך פאַר־זשמורעט, מיט אַ פּנים פון טענות און מענות צו דער וועלט: „וואָס וויל מען פון מיר? פאַרוואָס שיינט מיר די זון אין פּנים אריין?” זיינע קורצע הענטלאַך זאַטלאַך פאַרלייגט אַף דער צעשפּיליעטער וועסט, ביים בייכל.

און אַזוי: רייען שלאָף־בענק, מיט באַוערי־טרעמפּס, אַהער פאַרבירגערטע, אַבנאָרמאַלע, חיה'שע און מאַלפּישע טיפּן, וואָס זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון דער איסט סייד, נאָר פאַרבלאָנדזשעט אַהער, ווער ווייסט פון וואַנען און צוליב וואָס.

רייען בענק — אידישע, וואו עס זיצן בלויז באַבערדלטע אידן און מפלוידערט פון אַלץ אין דער וועלט. בענק־שענקלאַך,

וואו עס זיצן גוים — אייִדישע און פּאָליאַקן, האַלב־שיכור׳ע און מען שוועבט אין אַנדערע וועלטן.

און העט אין אַ ווינקל, נעבן דער פאָלק־ביבליאָטעק, ווי שטיפ־קינדער, זיצן עטלאַכע מאַמעס מיט זייערע בייבים און רעדן בקול רם זאַכן, וואָס ווען פאַרבייגייער שטעלן אָן די אויערן — מאַכט מען אַ שוויַיג.

צוויי באָבעטשקעס אין שייטעלאַך, מיט פּנימ׳ער, ווי פאַר־טריקנטע לעמענעס, אָן־צייניקע, דערציילן זיך עפּעס בסוד־סודות און קוקן בשעת מעשה, מיט פאַרדעכטיקע בליקן אַרום זיך.

אַפּ׳ן שפּיל־פּלאַץ — יונגע מאַמעס מיט קינדערלאַך, אָפּגע־צאַמט פון דער אַרומיקער זינדיקער, שולדיקער וועלט.

און ווי אייביקע וועכטער אַרום — די ביבליאָטעק, די אידישע רעדאַקציעס: די פאַרזאָרגערן פון כל ישראל („דער טאָגעבלאַט”); די ליכט־פאַרשפּרייטערן (דער „טאָג”) און — „די באַפרייאונג פון די ארבייטער איז די זאַכע דער ארבייטער זעלבסט (דער „פאָרווערטס”).

# רעדאַקציע

דרייסיק יוניאָן סקווער. אויפ׳ן פינפטן שטאָק. מיט די פענסטער צום אָפענעם סקווער. רעדאַקציע פון „פרייהייט״.

באַברילטע, אָנגעצויגענע רעדאַקטוירים. וועלט־לאַסטן אַף די געבויגענע פּלייצעס. קעפּ — אָנגעשטרענגטע פּאָראויס. אויגן — נישטערן. נעזער — ניוכן. פּנים׳ער — גערונצלטע, אייביק־אומצופרידענע. אַלץ אויף זיי, אַרום זיי, אין זיי, צאַפּלט : „ס׳טויג ניט אַזוי ; אַנדערש מוז זיין, אַנדערש !״.

עפּעס פעלט זיי. יאָגט מען זיך נאָך דעם. פאַלט מען און מ׳צעקלאַפּט זיך. און מ׳יאָגט זיך ווייטער.

דער רעדאַקטאָר. אַלץ אַהער, אַלץ געהער אים. פּאַנאַנדער־געשפּרייטע אָרעמס — אין מח, אין בליק, אין אָטעם. וואָס שנעלער, וואָס מער. אַלץ אַריין. די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצן ערד־קוגל — אין זיין צייטונג. פול מיט אימפּעט, נאָר עפּעס פעלט אים. וועלטן גאַנצע פעלן אים, זוכט ער זיי — אויפ׳ן טיש, אין פּאַפּיר־קאָרב, אין שיפלאָד, אין בערג אַרטיקלען. אַ בליק דורכ׳ן פענסטער — יוניאָן סקווער. גאַנצע, אָפענע וועלטן. ניין. ניט פאַר׳ן רעדאַק־טאָר. זיין בליק — אויפ׳ן טיש, אין שיפלאָד, אין בערג אַרטיקלען.

הארט נעבן אים, ווי אַריינגעקוועטשט, זיצט דער רעדאַקטאָר פון דער לעצטער זייט. לייכטער מאַטעריאַל. אַ ביסל סענטימענ־טאַליטעט. נאַענט־מענטשלאַכס. אינטימס. אויך ער זוכט. וואָס ? מענטשלאַכס. מעשיות, וואָס זאָלן אָנרירן הארץ־געפילן.

זוכט ער — אין פּאַפּירן, אין קליינע אות׳עלאַך, אין די אייגענע שפּאַקולן, אין די פינגער, אויף זיין שרייב מאַשין. קוקט אין זיך — טיף און טיפער.

אַפן סקווער — וואונדערבאַרע מעשיות. דרייען זיך אַרום,

כראָפּען אַף די בענק. טעמעס — נאָענט־מענטשלאַכע, האַרציקע.

רעדאַקטאָר האָט מורא צו קוקן אַפן סקווער. רעדאַקטאָר זיפצט: „אַי, וואו נעמט מען מאַטעריאַל פאַר דער לעצטער פּיידזש?".

נעבן אים אַרבעט דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר. דאָ איז דער אָטעם פון שווייגן — און פון קול־קולות.

ליטעראַרישע מאַנוסקריפּטן צעווילדעוועט אַפן טיש. שיפלאָדן שוויצן און קרעכצן פון אָנגעלאָדענע משאות, לידער, לידער, לידער. פּעק, זעק. דערציילונגען־ציילונגען־לונגען, ראָמאַנען־מאַנען.

וועלטן אין די שיפלאָדן. הערצער פּלאַמיקע און אויסגעלאָשענע אין די שיפלאָדן. לעבנס דורכגעלעבטע און אויסגעטרוימטע אין די שיפלאָדן.

צאַפּלדיקע נשמות געקאָוועט אין שורה׳לאַך, געפאַנגען אין די שיפלאָדן. רייסן זיך — אַרויס, זוכן אַ תקון, ווילן באַפרייאונג. אַזוי פּיל לעבנס — אין איין שיפלאָד, אַזוי פּיל הערצער — שטויבן צוזאַמען.

און דער רעדאַקטאָר זיצט — און האָט ניט מורא. עפנט שיפלאָדן — און גיט ניט קיין ציטער. בלעטערט לעבנס, וואַרפט זיך מיט הערצער און — געגעצט פויל.

פאַרפאָלגן זיי אים ניט? קומען זיי אים ניט צו חלום? פאַרטויבן זיי אים ניט מיט זייערע תחנונים?

רעדאַקטאָר — קאַלטער מענטש, שווייגער. זיין וואָפן — די גרויסע, גראָבע, שוואַרצע פּען. זי באַשיצט אים. אָן איר — שמשון אין די אָרעמס פון דלילה.

שטאָט־רעדאַקטאָר. באַ דער זייט. קאָן קוקן אַף אַלעמען. שטאָט אין זיינע הענט, אין זיינע אויגן. טעלעגראַמעס — צו זיין נגאָד. נייעס — אין זיינע לאַפּעס. נעם, שנייד פּאַסן. אַ ריס אהער, אהין. וויל ער — איז נייעס. אַניט — פאַרוואָרפן אין אַ זייטיק ווינקעלע, עטלאַכע שורות, סינגל־קאַלום, קליין, נישטיק קעפּל.

שטאָט רעדאַקטאָר — בלויז נייעס. ניטאָ קיין אַנדער נייעס אַף דער וועלט. בלויז נייעס. די גאַנצע וועלט איז קיין וועלט ניט.

אַלץ ווערט געמאָסטן. געפילן, פּאַסירונגען, רעוואָלוציעס, טויטן, יום־טוב׳ן. אַלץ — סינגל־קאָלום, דאָבל־קאָלום. פּייקע, ברעוויר. אינטשעס. קעסטלאַך. קעפּ, קעפּלאַך, אונטערקעפּלאַך.

אַ בליק דורכן פענצטער — יוניאָן סקווער. נייעס, נייעס, נייעס. ניט פאַרן שטאָט־רעדאַקטאָר.

אָפּגעזונדערט. באַ אַ טיש, איינער אַליין — אַרבעט־רעדאַקטאָר. זיכער אויפן בענקל. זיכער מיט דער פעדער. אַלץ ווייס ער. הע, אַ גרויסן סוד וועט ער באַלד אַרויסלאָזן.

אַלע קעמפן מיט אים, פאַר אים. ער שווייגט. פּנים רואיק, גוטמוטיק. אָבער אין די האַלדז — שטורעם. זיין שולד. דער שטילער שטורם־פויגל. צום פונקט. אין ציל. געלאַסענערהייט. שאַ, שטיל. ער גרייט „באָמבעס” צו.

אין אַ ווינקל — סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. די שטימע פון פאָלק, דאָס פאָלק — אין זיינע הענט. לאָזט אים הערן, אַנטשטומט. מ׳דאַרף ענטפערן צום פאָלק. בריוו, בריוו, בריוו. שטראָמען אָן פון גאָרער וועלט, אין אַלע לשונות, מיט אַלע האַנטשריפטן.

וואָס וויל דאָס פאָלק? סעקרעטאַר ווייס. ס׳אַ סוד. קיינער דאַרף ניט ווייסן. ער וועט וועלן, וועט ער אַנטפּלעקן.

צעשפּרייט איבערן צימער — נייעס־שרייבער. איילן די נשמות אַרויס — פון זיך און פון די נייעס. נייעס — קורץ און שאַרף. די ערשטע צו ווייסן נייעס — און אַליין חלשן זיי אַ דרעמל טאָן. אַי, שלאָפן! אַלע נייעסן — פאַר אַ דרעמל. אַלע וועלטן — איין גרויסער גענעץ.

נייעס — די מאָנאָטאָנסטע זאַך אויף דער וועלט. אַזוי זאָגן זיי. נייעס — עך וואו נעמט מען נייעס?

אין דרויסן, אויפן סקוועיר — קאָלומס נייעס, זייטן נייעס. לאָזן זיך שניידן, רייסן פּאַסן.

נאָר שטאָט־רעדאַקטאָר ווײַלט אויס, שער צייכנט אָן.

די רעדאַקציע אַרבעט. אַ סך שרייבער. ניט אינטערעסאַנט. דערמאָנען אָן פרויען. עטלאַכע פרויען צוזאַמען — ווערן איבער־דריסיק, איינדרוק — שוואַכט אָפּ. איין פרוי — ציט צו, זאָגט צו.

שרייבער — אויך אזוי.

שמאָלע טיר פון רעדאַקציע עפנט זיך. אָנשיקעניש, קרענקס. ליטעראַרישער רעדאַקטאָר וואַרפט פיינטלאַכע בליקן. זיין פּלאָג.

„שוין איבערגעלייענט מיין זאַך?" א ציטערדיק, בלייך קול. זיין לעבן הענגט אָפּ אָן דעם ענטפער.

רעדאַקטאָר שטשירעט אוים א פּראָסיטקן „ניין!" און דרייט זיך אוים, ווי אָפּגעבריט, און גראָבט זיך טיפער איין אין א מאַנוסקריפּט.

יעדן טאָג — אָנשיקעניש. נייע שרייבער. נייע געטער. אַלץ גלויבט. אַלץ האָפט.

אַרבעטער פון דער אַרבעט. געקומען געבן א בליק. זייער ציימונג. זייער דעה. וואָלטן וועלן גלייך וויסן אַלץ. אויערן אָנגע־שפּיצט. מיילער — אָפן: וואָרט אַריין נייעם.

דאָ זיצט ד ע ר שרייבער, פיינער שרייבער. דאָרט קנייטשט דעם שטערן אַ רעדאַקטאָר. וואָס קאָן ער איצט טראַכטן? אַרבעטער האָבן ליב זייערע שרייבער. וואָלטן וועלן מיטהעלפן. מיט וואָס? כאָטש מיט די אויגן. אויגן זאָגן: „מיר גלויבן אין אייך".

פּאָעט שלייכט אַריין. האַרץ — פול. מאָגן — לער. בייז. קוקט, באַקוקט און שווייגט. גייט צו פון איין רעדאַקטאָר צום צווייטן. וויל — א וואָרט, א בליק. רעדאַקטאָר שווייגט, זעט ניט.

פּאָעט איז בייז. קיינער זעט אים ניט. אפילו די ווענט ניט. ס'ווילט זיך אויסשרייען: „א האַלב מלכות פאַר א וואָרט; א גאַנץ לעבן פאַר א בליק!"

אַלץ שווייגט. פּאָעט דרייט זיך אום, א פּאַריתומטער. דערזעט דעם סקווער. ווערט פאַרכאַפּט. א שטיק הימל. אונטן בוימער, בלומען. און מענטשן. מענטשן — פּראָצעסיעס אָן שיעור, אָן סוף. קאָלירן, שאָטנס, באַוועגונגען. לעבן, לעבן, טעמעס פאַר לידער, פּאָעמעס.

פּאָעט'ס לידער ליגן אין שיפלאָד באַם רעדאַקטאָר. כאָטש איין טרייסט.

וואָס וועט דער רעדאַקטאָר ענטפערן? פּאָעט גייט צו. געלייענט? יאָ, געלייענט. ס׳וועט אריין. ניטאָ קיין פּלאַץ דערווייל.

איינזאַמער פון אַלע איינזאַמסטע. ער האָט פּלאַץ פאַר דער גאַנצער וועלט — באַ זיך אין האַרצן. פאַר אים איז אין ערגעץ קיין פּלאַץ ניט פאַראַן. די איראָניע פון שיקזאַל — דער אידי־שער פּאָעט...

# די קאפע

אמאָל האָט מען מער צייט און געדולד געהאַט, פלעגט מען טאָגן און נעכטיקן דאָרט. דאַן איז דאָס געווען די קיבעצאַרניע. היינט איז מען פּראַקטישער געוואָרן, מ׳טרוימט ניט מער וועגן „מאַכן א לעבן" פון דער ליטעראַטור, איז דאָ די קאַפע.

פון אונטן, אין קעלער־קראָם, שפּאַרט א טוכלער ריח פון איינגעזייערטע אוגערקעס און טאָמאַטן, און בשכנות — ליידיקע הערינג־פעסלאַך.

פון איבער דער קאַפע — וואוינונגען, טיפּיש פאַר דער איסט־סייד. קינדער־וועגעלאַך באַם אריינגאַנג, זיצערקעס אױף די טרעפּ.

די באַלעבאָסטע פון קאַפע — א שטילע, היימישע, קלוגע פרוי, וואָס וואונדערט זיך מסתמא, פאַרוואָס די ליטעראַטור וואַקסט ניט, קיין נייע פּנימער באַווייזן זיך ניט און די אַלטע קומען זעלטענער, ווערן מיד פון קאַפע־וועלטל.

זי שווייגט, די באַלעבאָסטע, נאָר זי פאַרשטייט יעדנס אויסדרוק. זי האָט דעם פאָלקסטימלאַכן באַגריף פון יושר, זי פילט דעם געקריוודעטן און קוקט קרום אפן גרויסהאַלטער. זי הערט זיך ניט צו, דוכט זיך, צו די היציקע וכוחים, נאָר זי ווייס אַלץ און האָט איר אורטייל איבער יעדן.

די שרייבער־קאַפע איז טאַקע פאַר די שרייבער אַליין. דיזעלבע פּנים׳ער כסדר. און באַווייזט זיך א פּנים חדשות, שטעלט זיך בא אַלעמען אַליין די קשיא: ווער איז דער אגרעס?

מען קען שוין אפילו אויסרעכענען די טעג און די שעה׳ן פון יעדן שרייבערס דאָ־זיין. בכלל לאָזט זיך דאָס שרייבער וועלטל אין קאַפע קלאַסיפיצירן לויטן טאַלאַנט, אַנגעזעענקייט און עלטער. מען ווייס שוין אפילו די טישלאַך־פּאָזיציעס וואָס זיי פאַרנעמען.

דאָ איז זיין שרייבערישער מקום־מנוחה, דאָ רעדט ער פריי פון זיינע שטימונגען און קאַפּריזן ; דאָ ווערן לופט־שלעסער געבויט — און צעשטערט.

גרופּירט זיך אַרום אַ טישל אַן אויסגעשפּראָכענע ליטעראַרישע ריכטונג, דאַן וועט ניט אָנשטיין אַ פּאַרטרעטער פון אַ צווייטן צד זיך אָוועקצוזעצן דערנעבן...

אַלע ליטעראַרישע שולעס — אויסגעזעצט לויט די טישלאַך, אַלע גראַדן טאַלאַנטן און פּאָזיציעס — לויט די טישלאַך.

און פאַלט אַריין אַ שרייבער אין קאַפע, פּאָרשט זיין בליק, וואוהין זיך צו זעצן, וועגט ער אָפּ די וואָגשאָלן פון זיין דמיון, וואָס פאַר אַ „טישל" איז פון זיין גראַד. צו צושטיין צו אַ אינגערער, ניט באַרימטער גרופּע.

נעמט אַמאָל אַ שרייבער מיט אַ נאָמען אַראָפּ די האַנט פון האַרצן און נידערט אַראָפּ צו אַ טישל פון אָנפאַנגער, פילט ער זיך אַפּאָלאָגעטיש, אָדער באַגייט דעם אַקט דערפאַר, וואָס ער געפינט גראַד ניט קאָלעגן פון זיין קאַליבר.

אַמאָל איז געווען אַ ליטעראַרישע טראַדיציע : מען האָט זיך געפרייט מיט אַ נייאויסגעשיילטן, מיט אַ צוזאָגנדיקן אָנפאַנגער. עס איז געווען די הייליקייט פון וואָרט, די עטיק פון קאָלעגיאַליטעט, די ווירדע פון באַרוף.

איצט הערשט אַ קליינלדיקייט, איצט שטייט די פּערזענלאַכע גוט־ברודערשאַפט העכער פון געשאַפענעם וואָרט.

עס איז ניט אַזוי די פראַגע, וואָס האָט דער קאָלעגע צו זאָגן, נאָר ו ו ע ר איז דער חבר. די ליטעראַטור פאַנגט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט דער קאַפע. דערפאַר ווערט די פּראָווינץ בטל. עס וועט קיינעם פון דער קאַפע ניט איינפאַלן צו שרייבן אַ רעצענזיע אָדער קריטיק איבער אַ ווערק פון אַ פּראָווינציאַל. זאָל אָבער דער לעצטער ווערן אַ קאַפע־תושב, זאָל ער רייבן עלנבויגנס מיט די גוטע ברידער, וועט ער געפינען אַ גינסטיקן אָפּרוף אויף זיין בוך.

די קאַפע דיסקוטירט יעדן בוך, יעדע ליד. נאָר זעלטן ווער

עס נעמט זיך די מי גוט איבערצולייענען אַ בוך. מען וועט העכסטנס אַ בלעטער טאָן — און אַרויסגעבן אַ פּסק.

עס פעלט דער דרך־ארץ פון איינעם צום צווייטן. און דערפאַר דער ביטול, דער ציניזם, דאָס פון אויבן אַראָפּ קוקן.

דער אָנפאַנגער, וואָס קומט מיט אַ ציטערדיק האַרץ אין קאָפּע אַריין, צוגערעכנט צו ווערן צווישן דער שרייבער־משפחה, באַקומט זיין קאַלט שעפּל שפּאָט פון דעם העכערן ראַנג. זיין ערנסטקייט ווערט צעטראָטן, זיין גלויבן אין די טאָן־געבער ווערט צעשטערט.

און אָנשטאָט צו אַרבעטן איבער זיך, צו דערגאַנצן זיין וויסן און שלייפן זיין טאַלאַנט, לערנט ער זיך אויס חנפה'נען די באַוואוסטע, און שפּאַרן זיך מיט די עלנבויגנס צום אויבנאָן...

עס דוכט זיך אַמאָל אויס, אַז דער קאַפּע־מענטש איז אַ דעקלאַ־סירטער עלעמענט, אָן אַ באָדן, אָן אַ צוקונפט, אָן אַן אידעאַל.

ער איז אָפט אַ דאָן־קיכאָטישע פיגור. די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום זיין ליד, אָדער דערציילונג. וואָס מיר רעוואָלוציעס, וועלט־געשעענישן, נייע לעבנס־שטראָמען? די פּראָבלעם פון געדרוקט ווערן, דער הונגער נאָך די שוואַרצע זאָמען איז דאָמינירנד.

ער, וואָס דאַרף קענען דאָס לעבן אין אַלע זיינע פאַזן, וואָס דאַרף זיין אויסגעדורשט נאָך דעם לעבנס־וויין און אין עקסטאַז פון לעבנס־שכרות שאַפן זיינע ווערק — ער גריבלט זיך אין דער גראָשנדיקייט פון זיין „איך". ער פיינעט אין דעם שטורעם פון קאַפּע־רויך.

דער קינסטלער אין אים איז אויסגעהונגערט נאָך לעבן, נאָר ער וויל, אַז דאָס זאָל קומען צו אים, אין קאַפּע אַריין.

די וועגווייזער און קעמפער פון און פאַר גרויסע אמת'ן (און אַלע קינסטלער דאַרפן דאָס זיין) גיבן זיך אָפּ צו די קליינע ליגנס פון לעבן און זיינען באַפרידיקט.

און ניט פון דער קאַפּע קומט אַרויס דאָס גרויסע וואָרט, נאָר פון די, וואָס דערוואַרטן דאָס וואָרט פון איר צו הערן און דערוואַרטן זיך ניט און זיי אַליין שרייען אויס און ברילן אויס דאָס אומגע־הובלט, גרילצנדיק, נאָר מאַכטיק וואָרט.

עס איז דער אידישער באוואוסטזיניקער ארבעטער, וואס לעבצט, אין זיין נאטירלאכער אינטעליגענץ, נאך דעם שרייבערס אמת, וואס גארט אין זיינע — דעם שרייבערס — ווערטער גע־פינען אן אפרוף אף דעם לעבן און שטרעבן פון דער מאסע.

עס שווייגט די קאפע, וואס איז ווייט פון לעבן. עס שווייגט ניט די יונגע אידישע ארבעטער גאס, וואס שפרודלט מיט אידעאלן און פראבלעמען און אין איר ליגט אן אוצר פארן קינסטלער, א קוואל פאר זיין מוזע.

אף אירע טראטוארן ליגן צעבראסטעט מייסטערווערק, וואס ווארטן אף זייערע שעפער. די טעמעס זיינען רייכע, די פאבולאס שפאנענדע און זיי מאנען און פאדערן בא די דיכטער: קומט, נעמט אונז, מיר זיינען פריש, צאפלדיק און ווערט אייער כבוד.

נאר די קינסטלער זיינען צו־פויל פון קאפע ארויסצושפאנען און מיטן לעבעדיקן לעבן זיך אנצושכורן...

# ניו יאָרקער

ניטאָ קיין נעכטן דאָ. ניטאָ קיין מאָרגן. ניטאָ אפילו קיין היינט. בלויז אַ אי צ ט איז פֿאַראַן. אַ סאַפּנדיקע, אימפּעטיקע רגע. און אַלע יאָגן זיך נאָך איר. אַלע שטרעקן אויס זייערע הענט זי צו כאַפּן. און דער דעמאָנישער קאָלאָס — די שטאָט — האָט צעשפּרייט און צעלייגט זיינע אומציילִיקע, שטאָל־און־שטיין קאַלטע, גיגאַנטישע לאַפּעס צו כאַפּן די רגע׳ס און אריינשליידערן זיי אין זיין טורמדיק־באַציינטן, בעסטיאַליש־גיריקן מויל.

„סאָב“ און „על“־עקספּרעסן יאָגן זיך, ווי ווילדע, אויסגעדורשטע חיות, מיט אַן אימה׳דיקן רעווען, נאָך יעדער רגע. מענטש ווערט געצייג צום עקספּרעס־באַן, אַנשטאָט פֿאַרקערט. מאַשין — אונזער שליח, אונזער גולם — ווערט אַפּגאָט. מיר ווערן איר שקלאַף, איר געהאָרכזאַמער דינער. אַלץ צוליב׳ן קאַפּעלע איצט, צוליב׳ן אימפּעט.

ניו יאָרק שלאָפט קיינמאָל ניט. ניו יאָרק רוט קיינמאָל ניט. ניו יאָרק שרייט בקול־קולות: „ני־טאָ קיין ציי־ט!“ און אירע ליליפּוטלאַך — אירע בירגער — מאַלפּעווען איר נאָך. אַלע יאָגן זיך; איינער וויל איבעריאָגן דעם צווייטן. אַ שטאָט פֿון עלבויגנס — שפּיציקע, קנאָכיקע, פּייליקע עלבויגנס. שטופּט מען זיך, שטויסט מען זיך, גרייכט מען אָן העט־ווייט, צום אויבנאָן — מיט די עלבויגנס. צו דעריאָגן די רגע — פֿון דערפּאָלג, פֿון טראָפּן פֿרייד, פֿון אומגעריכטן גאַסט: שווייגער־טויט...

ניו יאָרק לעבט מיט׳ן דרויסן. נ י ו י אָ ר ק ע ר קאָן ניט זיצן באַ זיך אין דער היים. זיין היים איז די קאָביקע, צאַפּלדיקע גאַס. ניו יאָרקער האָט מורא צו זיין מיט זיך אַליין. ער איז תמיד אויסגעהונגערט נאָך דער מאַסע, נאָך מענטשן, נאָך טומל און גערויש. שטילקייט און רו זיינען אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס פֿאַר אים.

לופט דאָ איז דינאַמיש. אָטעם — אָטעמלאָז. ניו יאָרקער עפנט מויל, שטעלט אָן אויערן: עפּעס געשעט תּמיד, עפּעס קומט פאָר. אַלץ דאַרף מען זען, אַלץ הערן. צוליב וואָס? אַזוי זיך. אַנדערש קאָן מען ניט.

זיין גוף לעכצט נאָך באַוועגונג, די פינגער ציען זיך מאַגנעטיש. אויגן וואַכע זוכן, שפּיזן־דורך. וואָס? ווייסן אַליין ניט. אַזוי מוז עס זיין. ניט אַנדערש. דינאַמאָ.

ניו יאָרקער איז אויסגעהונגערט נאָך מענטשן. ניו יאָרקער קאָן ניט לעבן אָן זיי. און — ניו יאָרקער איז תּמיד איינזאַם, אַליין...

מענטשן־שטראָמען אַרום אים. דרייען זיך ווי אין אַ קאַרוסעל. אַזש פאַר די אויגן שווינדלט. געררוך פון מענטשן־לייב אין זיינע נאָזלעכער. גופים קנוילן זיך. גופים גלעטן זיך. עלבויגנס געגנען זיך. ניו יאָרקער איז תּמיד אַליין. יעדער מענטש — אַ באַזונדערע וועלט. צוויי מענטשן אויף איין זיצפּלאַץ, אין טראַם — צוויי פּאָלוסן.

ניו יאָרקער האָט ליב מאַסע. ניו יאָרקער וויל פּריוואַט. מאַסע פאַרבייט מאַסע. מענטשנטום שפּרודלט אומאויפהער. ניו יאָרקער בלייבט אַליין, אָן פּריוואַט.

ניו יאָרקער איז אויסגעדורשט נאָך ליבע. די ליבע איז אין דרויסן: אין גאַס, אין קאַר, אין זאַל, טעאַטער.

אַלץ וויל ליבע, אַלץ לעכצט, גייט אויס נאָך ליבע. דער רעגן אויף פון אימפּעט אויסגעטריקנטע נשמות, דער ברייט־לאַכנדיקער זון־שטראַל אין אונטערבאַן און דושנע טענעמענט־לעבן; דאָס טיף־פאַרבאָרגנסטע, קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגטע, און אונזער בלוט דאָ־מינירנדע וואָרט — ליבע.

וואָס גרעסער די מענטשן־כוואַליע, אַלץ שטאַרקער די בענקעניש נאָך איין מענטשן. וואָס שאַרפער דער הונגער נאָך מענטשן, אַלץ שטייגנדער דער אַפּעטיט.

דער „באָם“ אויף דער באַוערי און דער פּראַנט אויף בראָדוויי; דער „טשעפּע־מיך־ניט“, שווייגנדיקער כינעזער און דער אַגרעסיווער, היים־בלוטיקער איטאַליענער; דער שווייסיקער, דזשעזיקער נעגער

און דער באַלאַנסירטער, זאַטער וואָל־סטריטער — אַלע האָבן זיי איין פּייערל אין זייערע בליקן, דערשפּירנדיק דעם דרויסן.

די טורעמדיקע הימל־קראַצערס; די אומגעלומפּערטע, פאָרמלאָזע מויערן, וואָס רינגלען אים אַרום; די קאַקאָפאָניעס פון שטאָל־און־אייזן אָרקעסטערס, — רעגן אין ניו יאָרקער אַלץ שאַרפער די בענקעניש נאָך פּערפעקטער פאָרם, נאָך גראַציע; נאָך מעלאָדישקייט און ווייכקייט; נאָך דער שיינער פרויען־פיגור; נאָך דעם פרויען־שיק; נאָך דער פרויען־שטים.

די אַרבעטער־מיידל, וואָס גייט פון דער אַרבעט דורך דער באָוערי, באַשטראַלט מיט איר ווען, מיט איר געשמאַק־פאַרביק קלייד, מיט איר האַרמאָנישקייט, דעם פאַרפינסטערטן, אויסגעלאָשענעם בליק פון דעם באָוערי־טרעמפּ. ער קוקט איר פאַרגאַפט נאָך. און ס'איז ניט בלויז די תאווה אין אים. ס'איז מער. די בענקעניש נאָך שיינקייט, נאָך פאָרם און האַרמאָניע, וואָס יעירט אין דער מענטשלאַכער נשמה; דער הונגער נאָך ליבע וואָס צערט.

אַ געפּאַקטע, האַלב־באַלויכטענע סאָבוויי. מענטשלאַכע גלידער געפּענטעט, אָטעם פאַרשטיקט. נאָר אויגן אויסגעהונגערטע וואַנדערן, בלאָנדזשען אום. אויגן זוכן אויגן. בליקן בליציקע באַגעגענען זיך, רעדן זיך איבער, נעמען זיך אַרום. זאָגן צו. געפעלן זיך. סאָבוויי רעוועט. שליידערט אָן רחמנות אַהין און אַהער. אויגן זינגען סערענאַדעס. בליקן צערטלען זיך.

סאָבוויי אין שפּעטער, אויסגייענדיקער נאַכט. גופים מאַטע, אויסגעשעפּטע, מיט אויסגעצויגענע פּיס, דרעמלען. וואַגאָנעס האַלב־פּוסטע, אָנגעשמוציקטע, פאַר'חזר'טע. אויסגעלעזענע צייטונגען, ווי נעטריבענע האַרבסט־בלעטער, טאַנצן אַ טויטן־טאַנץ.

פרויען — זעלטן. איז אומעטיק צו פאָרן. שלאָפט מען. באַווייזט זיך אָבער אַ פרוי — און ניט קיין אַלטע דערצו — ווערן מענער וואַך. קעמפן אויגן־דעקלאַך מיט שלאָף. אַלע בליקן געווענדט אַהין, צו דער פרוי — אויף איר פּנים, קלייד, פּיס. (ניו יאָרקער האָט ליב שיינע פרויען־פּיס).

אין גאַס. מענטשן־שטראָם פאַרהאַוועט, פאַרטיפט אין זיך. עלבויגנס שפּאַרן. פּיס טרעטן פּיס. אימפּעט־בייטש טרייבט. נאָר שיינע פרויען־אויגן מאַניען, פאַנגען. פרויען דערזען געפּעלנדע מענער. אויגן טרעפן אויגן. שמייכלען. וואַרפן זיך דורך מיט שטומע, שרייענדיקע רייד. ווערן גלייך פאַרשוואונדן, פאַרגעסן. נייע אויגן, נייע בליקן. נייע ליגנס. דער אייביקער בייט — לעבן.

גאַס שימערירט. תמידיקער, רייכקאָלירטער פּאַראַד. ענדלאָזע פּראָצעסיע פון געטריבענע און טרייענבדיקע. און איבער אַלץ — די בענקעניש נאָך מענטשן, די יאָגעניש נאָך ליבע.

בראָדוויי אין אָוונט. וואַקכאַנאַליע־טאַנץ. יום־טוב פון לייכט־זין. אויסגעפּוצטער זאַטער עולם, אויסגעהונגערט נאָך ליבע־לוסט. ציען זיך מאַסן, אין געדיכטקייט, טריט בּאַ טריט. פּאָרלאַך געאַרעמט. גאַנץ בראָדוויי — איין געאַרעמט פּאָרל.

אויגן שטאַרן צו די עלעקטרישע, בלענדנדיקע שילדן, וואָס מאַניען און פאַרכאַפּן. „דער גרויסער ווייסער וועג“. דער נייער מילך־וועג. אַזוי פיל צוזאָגן פון פאַרגעניגנס. די בענקעניש נאָך צאַרטקייט, גוטע רייד, ליבע.

אַלץ קאָן מען דאָ באַקומען. אין טעאַטער. אין דער מואווי. ניטאָ קיין גליק אין זיך. צאָל דערפאַר, וועסטו עס באַקומען — בּאַ יענעם. אַף דער בינע. אַפן לייווענט.

פאַר צוויי שעה זיך קוויקן מיט שיינקייט, גוטע רייד, געזאַנג, פרייד. פאַר צוויי שעה אויספּילן דעם אייגענעם חלל פון דער נשמה.

פון בראָדוויי אַהיים. מיט׳ן חלום אַף די אויגן. מיט׳ן פרעמדן געזאַנג אין אייגענע בלוטן. צומאָרגנס — די זעלבע פוסטקייט אין זיך. אין די לאַפּעס פון דער מעטראָפּאָליע. אַ שאָטן פון ניו יאָרק.

ליבע. אַלץ פאַר געלט. עקל צום נעגער. ליבע צום נעגער־קאַבאַרעט. ליבע צו דער טונקל־פייערדיקער מולאַטקע.

קוני־איילענד. וואַסער־פראָנט. פרייער רוים. כוואַליע־שפּיל. אַלץ גאָרניט. נאַקעטער פרויען־לייב איז אַלץ. נאַקעטער פרויען־בליק איז מער.

שיינע, פּאָטישע ליבע אין די פּאַרקן און אין דער צענטראַלער

פאָלקס־ביבליאָטעק. פאָר דער וועלט איז די ביבליאָטעק דער טעמפּל פון בוך, דער פּאַלאַץ פון געני'ס שאַפן. דער אוצר פון אונזער ציוויליזאַציע. אַ שטאָלץ פאַר דער שטאָט.

פאַר זיי — דער פּאַלאַץ פון ליבע. פאַרנאַכט־ראַנדעוואוס אױף די ברייטע, אָפענע טרעפּ פון דער ביבליאָטעק, מיט די ריזיקע לייבן אַלס שטומע עדות. אויסגעפּוצטע יונגעלייט וואַרטן אומגעדולדיק אױף שיינע מיידלאַך, וואָס קומען אָן צו שוועבן פלינק און גראַציעז, שיקנדיק פאָראויס זייער ליבעס־שמייכל.

ניט קיין שיינע מיידלאַך וואַרטן אױף גערעאָטענע, געשיקטע בחורים וואָס קומען אָן לאַנגזאַם, ניט וויליק.

אינווייניק אין דער ביבליאָטעק אױף די טרעפּ־בענק, אין לאַבי־רינטן־ווינקלאַך צעזייט און צעשפּרייט שושקען זיך געליבטע. פאַר־באָרגענע ליבע. געהיים איז זיס. מאַרמאָר־קאָלאָנען שווייגן. ליבעס־סודות רינגלען ארום לאַבירינטן פון דער ביבליאָטעק.

אין די לעז־זאַלן. אין טיפע שטולן — מענטשן־קעפּ פאַרטיפט אין ביכער, אין שריפטן. קלוגע, ברייטע שטערנס. אין דער וועלט פון חכמה און וויסן, אין קוואַל פון אייביקער ליטעראַטור.

קעפּ הויבן זיך פלוצים פון ביכער. אויגן טשוכען זיך. קוקן, זעען. דאָ און דאָרט קרוינען זיך שיינע פרויען־קעפּ. טיף־ליכטיקע אויגן. אויגן טרעפן אויגן. בליקן לאָקן. אויגן שפּיגלען זיך. בליקן ליבן זיך.

קעפּ לערנען מער ווי אין די ביכער. אַלע וויסנשאַפטן פאַר איין אויגן־בליק; אַלע קלוגשאַפטן פאַר איין ליבעס־רגע.

ביבליאָטעק — אייביק ליכט. אין פאַרליבטע אויגן — מער ביכער ווי אין ביבליאָטעק. פּראַכטפול פרויען־פּנים — שעדעווער, מייסטערווערק. אין מעלאָדישן פרויען־קול מער האַפט ווי אין פּאָעטן־געזאַנג.

ניו יאָרק רעוועט אויס איר הפקר־ליד אין סאַבוויי־טעמפּ. ווענוס, אַפראָדיטע און עראָס לאָכן זיך אויס דערפון. זייערע פאַר־באָרגענע, שטילע טענער דרינגען סאַבוויי דורך. זייערע פאַרשייטע, שטיפערישע בליקן פאַנגען דאָס שטאָל־און־צעמענט הארץ פון דע־מאָן — ניו יאָרק.

# אַ נאַכט אין דער מעטראָפּאָליע

אַ נאַכט אין דער מעטראָפּאָליע. דיזעלבע שטאָט און דאָך ניט די. אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער לעבן. די נאַכט פאַרדעקט און אַנטפּלעקט. זי פאַרשלייערט זיך אין די וואָלקן פון שווייגן און זי צעשרייט זיך מיט אַ קול אין דער מדבר.

וואָס פאַר אַ שוואַרצן צויבער האָט אין זיך אַ נאַכט! אַ שאָד וואָס זי איז אונז באַשטימט געוואָרן צו שלאָפן. פּונקט ווי אַלטער גוטער וויין באַפרייט פון יאָך פון דער וואָכעדיקייט, אַזוי פאַרשיכורט די נאַכט און נעמט אונז אַריין אין אירע באַפליגלטע אָרעמס.

פון קינדווייז אָן האָב איך ליב געהאַט צו האַלטן נאַכט־וואַך. צוזאַמען מיטן טאַטן מקיים געווען די מצוה פון בקור חולים. אין בוידים־און אין קעלער־שטיבער צו אָרימע קראַנקע פלעגן מיר גיין איינמאָל אין וואָך, צו געבן אַ געלעגנהייט די הויזיקע זיך אויסצושלאָפן.

כ׳פלעג העלפן דעם טאַטן אונטערטראָגן די מעדיצין פאַרן חולה, זיך צוהערן צו די קרעכצן און צוזען די פיין.

כ׳האָב ליב געהאַט דאָס אַהיים־גיין, ווען ס׳פלעגט שאַריען און די קילקייט פון פרימאָרגן פלעגט אונז באַטויען און פילן דעם שטאָלץ אין זיך פון האָבן געטאָן אַ מצוה.

שפּעטער פלעג איך האַלטן וואַך מיט די זעלבסט־שוץ יאַטן אין פּאָגראָם־צייט, און אין די רעוואָלוציע־נעכט זיין אין גאַס באַם ערשטן קנאַל.

וויפיל מאָל איז מיר אויסגעקומען, אַלס קינד, צו קוקן אויף טויטע באַנאַכט און בייצוזיין באַ דער גסיסה פון פרעמדע און

נאָענטע, און אַזוי אַרום איינזאַפּן און זיך די סודות פון טויט, די סודות פון דער אייביקער נאַכט...

אַ נאַכט אין ניו יאָרק איז אַזוי פּילזייטיק און צעווינקלט, אַז עס דאַרף דויערן פיל נעכט צו דערקענען די נאַכט פון ניו יאָרק.

כ׳האָב ליב צו וואַנדערן איבער גאַסן און סקווערן פון מאַנהעטן באַנאַכט; זיך דורכצופּאָרן אויף „עלס" און סאָבווייס; דאָרטן, וואו דו באַגעגנסט זיך מיט היימלאָזע און אַרבעטלאָזע, מיט קינדער פון מיין קלאַס, מיט קרבנות פון דער געזעלשאַפטלאַכער אומאָרדנונג.

* * *

ערגעץ־וואו אויף דער אכטער עוועניו בויט מען אַ נייע סאָבוויי. בויערט מען אונטערערדישע טונעלן דורך. שלאָפט די גאַס אויבן, נאָר אונטער איר רעש׳ט עס און וואַכט. האַקן עלעקטרישע האַמערס שטיין־וועגט דורך, רייסן גיריקע שטאָלענע מאַמאָנט־ציין פאַסן פאַרפראָרענעם ליים אוים; הודזשען מאַשינען־שופלעס; דרינגען ריזיקע פּיקעס אין די געדערים פון דער ערד אריין; וואַנדערן עלעקטרישע לאָמפּן־וועג־ווייזערס אום. און איבער אַלעם באַוועגן זיך שטומערהייט אַרבעטער, ווי פון ערד געקנאָטן, מיט פּנימער שטאָליק פאַרשטויבט, מיט שטייפע בליקן און אָנגעצויגענע מוסקולן.

ניו יאָרק שלאָפט, נאָר זיי וואַכן. זיי בויערן און בויען. בויען, בויען — פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר דור־דורות. האַמער—האַק, פּיקע—פּליק, שפּאַלט זיך ערד. מוסקול וויל, האַנט באַפעלט. אין דער שטומער נאַכט אַריין...

* * *

שבת. נאָך האַלבער נאַכט. ניו יאָרקס וואָך־נאַכט. דער טרוים פון דער וואָך. דער געפּיל פון פרייהייט. מאָרגן וועקט ניט דער אַלאַרם־זייגער. מאָרגן רופט ניט שאַפּ.

אויף אַ שוועל, באַם אַריינגאַנג צום סאָבוויי — אַ פּעקל. אַ שנאָרכנדיקס. אַן אַלטיטשקע זיצט איינגעקאָרטשעט, צוזאַמענ־געדרייט אין אַ שוואַרצן אָפּגעריבענעם מאַנטל, מיט אַ שוואַרצן אַלט־מאָדישן הוט אויפן קאָפּ. נעבן איר — אַ פּאַק זונטיק־צייטונגען. אַ פאַרקויפערן. דערווייל אַנדרעמלט געוואָרן. אויף איר שוים צע־

שפּרייט — אַ בלאַט „קאָמיקס" — די „פּאָני־פּיידזש". פּרובירט מסתם אַ לאַך טאָן. לאַכט די „פּאָני־פּיידזש" פון דער אַלטיטשקער, אויף איר שוים, צו דער פינצטערער גאַס: „קויף אַ זונטיק־בלאַט, קויף!"

אויף „סאָב" און „על" סטאַנציעס שלאָפן, זיצנדיקערהייט, היימלאָזע און געלטלאָזע. מיילער אָפענע, קעלנער אַרויפגערוקטע, הענט טיף אין די קעשענעס. שפּאַרט אַ יונגער בלאָנדער פּוילישער קאָפּ זיך אָן אַ מוסקוליסטן נעגער אָן; רירט דעם נעגערס קני אָן דעם פוס פון אַ רויטן איירישמאַן. הערשט פולע האַרמאָניע צווישן פעלקער און ראַסן, צווישן קינדער פון נויט און עלנט. אין שלאָף.

פּאַר פינף סענט אַ נאַכטלעגער. אויסגעשטעלט צו דער וואַכעדיקער וועלט: „קוק אונז אָן. מיר האָבן געזונטע גופים. נעמט אונז, קויפט אונז."

אין די „סאָבס" און „עלס" איז ליידיקלאַך אַצינד. איז אומעטיק. זיי זיינען, ווייזט אויס, ווי געשאַפן געוואָרן בלויז פאַרן הו־הא גערודער, פאַרן געדרענג און שטיקעניש.

ווער פאָרט אין זיי איצט? באַנאַכטיקע אַרבעטער, אָפּגעאיינזאַמט פון דער שטאָט, פון ליכט; קינדער פון דער נאַכט, מיט וואַסערדיקע, קאָלירלאָזע אויגן. קעפּ אַראָפּהענגענדיקע, גוף קראַכט, דאַכט זיך, צוזאַמען; פיס הפקרדיק אַראָפּגעלאָזן און צעשפּרייט. אַלע פאָרנדע מאַכן דעם איינדרוק פון: „נעמט אונזער פעקל ביינער און טוט מיט דעם וואָס איך געפעלט, שליידערט אונז פון ברוקלין בריק אַראָפּ".

*   *   *

הימלקראַצערס קראַצן ניט די הימלען מער. שלאָפן. טויטקייט. פינצטערניש. מיליאָנען פענצטער — פינצטער.

נאָר אָט אין איין שוואַרצער וואַנט — אַ פּאַס ליכט. לעבן. פון אַלע זייטן דריקן פינצטער־שיכטן. מוראַדיקע פינצטערקייט. אינמיטן רייסט זיך דורך — ליכט. אַ ווייסער באַנד טאָג.

פרויען־קעפּ גרוי־האָריקע ווייזן זיך, פאַרשווינדן, קומען צוריק. פנימער פאַרמאַטערטע, הויט צונויפגעצויגן; פּוילישע מאַמעס,

אײרישע מאַמעס, אַמעריקאַנער מאַמעס און באָבעס שײערן דילן,
וואַשן שטיגן; קניען, קריכן; ראַמען שמוץ, מאַכן רײן.

אײנזאַמע — אין גראַמע זאַלן; טויבן־אויגן — אין דער פאַרטויבנדער שטילקײט. מידקײט שרײט פון גלידער אַרויס, שלאָף בעט רחמים.

פלײצעס יאָכנדיקע, בײגן זיך; בלוי־אָדערדיקע הענט שטרעקן זיך — שײער, וואַש, ראַם מירמל־שטיגן, מאַהאַגאַני־מעבל. היט אָפּ פרעמדע אוצרות. באַלעבאָס ווײסט. באַלעבאָס ניטאָ, קײנמאָל ניט געזען. וואָך, שײער־פרוי, פּראַצעווע, אין דער נאַכט אַרײן.

* * *

טעקסיס פליען דורך, ווי אַ שווער־בנדיק פּאַרל אין אַ לײדיקן טאַנץ־זאַל. די גאַס באַלאַנגט צו זײ איצט. נאַכטראַנדעוואוס. געטוליעטע פּאָרלאַך אין זײ. אָפּ טראָטואַרן — אײנזאַמע וואַנדלער. גײען שנעל, בא די ווענט, הילכן טריט אָפּ. שלײכן בלוי־באַמאַנטלטע פּאָליסלײט, ווי בײזע שאָטנס. אָדלער־אויגן. מעטאַל־קלאַנג. זײ געהיט. יעדער גײער אַ שונא. שנעלער שטעל טריט. נאַכטיקער אײל.

וועגענער סקריפּען. מילכמאַן מיט לאַמטערן. פלעשער־קלאַנג. ברויט־וועגענער. צײטונגס־אויטאָס. טויט־וואָגן אײלט דורך פאַר־שולדיקטערהײט. אַ שיכור צעזינגט זיך אינמיטן גאַס. אַ טעקסי שטעלט זיך אָפּ מיט אַ גרילץ. לאָזט אַרויס אַ פּאָרל, אַ האַפּערדיקס; פאַרגנבעט זיך אין אַ הויז אַרײן. געוויש האַלט אָטעם אײן. ש־שאַ. אַ ווײטער דונער פון אַ על־באַן, דאָס מעלה גרהן פון דער „סאָב“.

* * *

הײזער סודען זיך, גאַסן קאָנפערירן. דורכאײלנדיקער מענטש איז פרעמדער דאָ, ניט געוואונטשטער.

נאַכט איז אין די אויסגעשטעלטע, פינצטערע מויערן, וואָס גרויען זיך אַרויף; נאַכט איז אין די ברודיקע, דרעמלענדע טראָ־טוארן. הימל, שטערן, לבנה באַלאַנגען ניט צו דער שטאָט־נאַכט.

וואַנדערנדיקע פײערן אין די אונטערערדישע טונעלן; אַ באַבעטשקע אַפן סאַבוויי־שוועל, פאַרקויפנדיק מאָרגן־צײטונגען,

שנאָרכנדיקערהייט; אַן איינזאַמער שטאָליקער פּאָליסמאַן; די גרינע, כיטרע אויגן פון אַ טעקסי; פּחדיקע טריט פון אַ פאַרשולדיקטן דורכגייער; אַ פּאַס ליכט אין אַ שוואַרצן, שווערן הימל־קראַצער; אַן אָנגערויכערטער ביליקער לאָנטש־פּלאַץ; דאָס הילכיקע קנאַלן פון על־באַן, אַ קוויטשנדיקער שיכור, אַן אָפּגעהאַקט שוויגן — אַ נאַכט אין דער מעטראָפּאָליע.

קוק זי אָן, און דערקען זי ניט. זי שווייגט און דאָך, דערציילט זי אַ סך. נויג אָן דיין אויער צו איר און הער זיך איין. הער דעם קול אין דער מדבר. זאַפּ זיך אָן מיטן שטילן גערויש. ווער פאַרשלייערט אין די וואַלן פון דער לאָקנדיקער נאַכט.

# דער „קעניג” פון דער ביבליאָטעק

דער טאָג פון דער צענטראַלער ניו יאָרקער ביבליאָטעק, אַף דער 42־טער גאַס און פינפטע עוועניו, הויבט זיך אָן, ווען ע ר קומט אָן און די אַרבעט אין די אַפטיילונגען איז געענדיקט, ווען ער גרייט זיך צום פאַרלאָזן.

קיינער ווייסט ניט זיין צוועק, קיינער קען אים ניט פער־זענלאַך, דאָך פילן די אָנגעשטעלטע פון דער ביבליאָטעק, אַז ער איז דאָ, אַז ער דאַרף זיין.

ווי אַלט קאָן ער זיין ? ווער ווייס? אַמאָל עטלאַכע־און־דרייסיק און — אַמאָל הונדערטער יאָרן.

זיין לענגלאַכער, אַסקעטישער פנים דערמאָנט אָן קריסטוסן, נאָר זיינע האָר זיינען פעך־שוואַרץ און גלאַט־פאַרקאַמט. זיינע אויגן זיינען שוואַרצע און דורכדרינגלאַכע.

ער איז הויך געבויט, שלאַנק, דער גרויער אנצוג איז אַלט, אַלט, דאָך אָפגעהיט, ריין.

און זיצט ער אין הויפט לייען־זאַל, אויסגעצויגן אין טיפן שטול און קוקט שטאַר פאָראויס, פאַלן די בליקן פון דורכגייער אַף אים, קוקן אַף אים די, וואָס זיינען פאַרטיפט אין זייערע ביכער, בא די טישן.

אַרום 10 אַזייגער אינדערפרי באַווייזט ער זיך אין אריינגאַנג פון ביבליאָטעק, באַגריסט זיך מיט די אָנגעשטעלטע. זיין שטימע איז טיף־ברוסטיק, עפעס איז דאָ אַ מאַיעסטעטישקייט אין זיין באַנעם, אין זיין נייג און באַוועג.

דאָן הויבט ער אָן זיין „אינספעקציע” אין אַלע לעז־זאַלן פון ביבליאָטעק. שפאַנט דורך דעם צייטונגס־זאַל, דרינגט דורך מיט

זיין בליק די אַנוועזנדיקע, קוקט זיי פֿאַרשנדיק אין די פּנימער אַריין.

ער גייט, די הענט פֿאַרלייגט אַף הינטן, דעם קאָפּ געהויבן הויך און וואַזשנע. טייל מאָל שטעלט ער זיך אָפּ בא א צייטונגס־שטענדער, נאָר ער קוקט אין צייטונג ניט אַריין, וואַרפֿט זיינע בליקן איבערן רוים. ער איז פֿאַרטראַכט. נאָר באַלד גיט ער זיך ווי א דערמאָן אָן עפּעס און שפּאַנט שטאָלץ אַרוים, מיט טריט געמאָסטענע און גראַדע, פֿון צייטונגס־זאַל.

זיין מאַרשרוט זעצט ער פֿאָר אין זאַל, וואו ביכער ווערן אַרויסגעגעבן אַף א היים צו נעמען. ער באַגריסט זיך מיט די אָנגעשטעלטע, גייט דורך די פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען, בייגט זיך גראַציעז אַראָפּ צו די פּאָליצעס, נעמט קיין בוך ניט אַרוים פֿון פּלאַץ, נאָר זיין בליק אונטערזוכט, צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

טאָמער געפֿעלט אים עפּעס ניט, פֿאַרוואָלקנט זיך זיין פּנים, דריקט אוים צער און רחמנות. ער בלייבט שטיין לענגער אָפּן אָרט, זיינע אויגן זאָגן עפּעס, זיין קאָפּ זינקט אַראָפּ. נאָכדעם גיט ער זיך פּלוצלונג ווי א דערמאָן אָן עפּעס, גלייכט זיך אוים און פֿאַרלאָזט דעם זאַל, שטאָלץ און מאַיעסטעטיש.

פּאַרטיק מיטן ערשטן שטאָק, גייט ער אַרויף אָפּן צווייטן. קומט אַריין אין דער רוסישער אָפּטיילונג, באַקוקט די פֿאַרזאַמלטע, באַטראַכט די ווענט מיט ביכער, זיין בליק שטעלט זיך אָפּ אַף אַלץ אין צימער, זעצט זיך אַוועק, הערט זיך איין אין דער שטילקייט, זיין פּנים איז פֿאַרטאָן אין דענקען.

דערגרייכט מסתם וואָס ער האָט געוואָלט, גיט ער זיך א שטעל אויף און לאָזט זיך צו דער אידישער אָפּטיילונג.

איז ער א איד? ס'איז שווער צו דערגיין פֿון וואַנען ער שטאַמט, לויט זיין אויסזען.

ער שווייגט תמיד. און די עטלאַכע ווערטער, וואָס מען קריגט פֿון אים אַמאָל אַרוים צופעליקערהייט, ווייזן, אַז זיין ענגליש איז פּערפֿעקט און נאַטירלאַך.

דורכשפּאַצירט אַלע זאַלן, קומט ער אַרויף אין הויפּט־לייען־

זאַל. אָבער דאָ איז שוין מיטאָק־צייט. ער גיט בלויז אַ בליק אריין אין ביידע לייען־זאַלן און פאַרשווינדט.

ער עסט אין אַ דערבייאיקן אַטאָמאַט. עסט באַזאָכט און געמיטלאַך. נאָכן עסן שפּאַצירט ער הין און העד אַף די טראָטואַרן פון דער ביבליאָטעק, שפּילט זיך מיט די טויבן, וואָס קענען אים שוין.

פּינקטלאַך צוויי נאָכמיטאָג לאָזט ער זיך גלייך צום הויפּט־לייען־זאַל. שפּאַנט ארויף און אראָפּ איבער די דורכגאַנגען, קוקט אַלעמען דורכדרינגענדיק אָן, זוכט, דאַכט זיך, וועמען עס איז.

ניט געפונען. ס'טוט אים, ווייזט אויס, באַנג. טאָג איין טאָג אויס, יאָר איין יאָר אויס, זוכט ער אימיצן. אין מיליאָנען פּנימער אריינגעקוקט, מיליאָנען בליקן דורכגעדרונגען — און קיינער האָט אים קיינמאָל ניט געזען זיך אָפּשטעלן מיט וועמען, געפינען וואָס ער זוכט...

פּאַרטיק מיט די פּנימער, נעמט ער זיך צו די ביכער־שאַפעס. ער זוכט און זוכט און געפינט ענדלאַך אַ בוך. אַמאָל פון פילאָזאָפישן, אַמאָל פון ליטעראַטור אָפּטייל.

מיט דעם בוך שיידט ער זיך נישט ביז וועטשערע־צייט, אזייגער זעקס. ער איז פאַרטיפט אין בוך, נאָר מערער אין זיך. זיין בליק האַלט אין איין בלאָנדזשען פאַרויס, אין רוים.

ער שטעלט צוריק דאָס בוך אַפן זעלבן פּלאַץ און גייט עסן.

צווישן זיבן און אַכט ווערן ביידע לייען־זאַלן פול מיט „זיצערס".

ניט לייענען קומט מען דאָ, נאָר וואַרטן. מען טרעפט זיך מיט פריינט, מיט נאָענטע. געליבטע און ליבנדיקע וואַרטן אומגעדולדיק, קוקן אַפ'ן שווייגענדיקן וואַנט־זייגער און וואַרפן זייערע בליקן צום אריינגאַנג.

די באַגעגענישן זיינען שטילע, נאָר פריידיקע, מ'הייבט זיך אויף און — מ'גייט, אַף דערבייאיקער בראָדוויי, פאַרברענגען, זיין צוזאַמען.

נאָך אַכט אין אָוונט ווערט פּוסטלאַך אין די לייען־זאַלן. אַן אומעט כאַפּט אַרום די געלע טישן, די גרינע אַבאַזשורן, די טיפע שטולן.

עס בלייבן איבער עלנדע מענטשן, וואָס האָבן ניט מיט וועמען צו גיין. איינזאַמע, וואָס טוליען זיך צו די טויטע בלעטער פון בוך. דאָס שווייגן פון זאַל איז פיינלאַך, דריקנדיק.

ער, דער ניט־געקרוינטער קעניג פון דער ביבליאָטעק, קומט פאַר זיבן, פון וועטשערע, אַרויף. זעצט זיך אַוועק נאָענט פון אַריינגאַנג און באַטראַכט דעם אָנקומענדיקן עולם.

זיין בליק, ווי תמיד, פאַרשנדיק, אַריינדרינגענדיק. ער זוכט אין די פנימער, ער זוכט אין די בליקן. ער קוקט ניט אין בוך אַריין. ער איז פאַרנומען, לעזנדיק מענטשלאַכע פנימער.

ווען דער אַף־אימיצן־וואַרטנדיקער עולם צעגייט זיך און עס ווערט פוסט און שטיל אין לייען־זאַל און דער אומעט הערשט, — הייבט ער זיך אויף פון זיין פּלאַץ, שפּרייזט איבער אַלע דורכגאַנגען פון זאַל, ווי ער וואָלט דעם אומעט וועלן אַרויסטרייבן, ווי ער וואָלט זיך יאָגן נאָך אימיצן.

דער קאָפּ אַרויף, די אויגן געשפּיצט, גייט ער און גייט, שטעלט זיך לענגער אָפּ ביים אַריינגאַנג, ווי ער וואָלט דערוואַרטן אימיצן אַריינגיין, איבערצייגט זיך, אַז קיינער וועט ניט קומען, זעצט ער זיך צוריק אַף זיין אַלטן פּלאַץ.

קוקט זיך אַרום און מיט אַ באַהאַלטנקייט און אַ מין יראת הכבוד, נעמט ער אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ העפט און מיט אַ קליין בליי־שטיפטל הויבט ער אָן אַריינשרייבן באַזאַכט אין העפט אַריין.

עס דאַכט זיך, אַז ניט די האַנט שרייבט, נאָר זיין קאָפּ, זיינע אויגן, זיין שפּיציקע מאָרדע.

מער הייבט ער זיין קאָפּ ניט אויף צו באַקוקן דעם אַרום, ער לעבט — אין דער וועלט פון העפט.

ער כאַפּט זיך אָבער אויף אַ צען מינוט פאַר פאַרמאַכן די ביבליאָטעק, פאַרשטעקט דעם העפט אין בוזים־קעשענע און לאָזט זיך פאַר זיין לעצטער „אינספּעקציע“. ער בליקט אַריין אין אַלע זאַלן, וואָס זיינען נאָך אָפן.

די אָנגעשטעלטע טראָגן אים שוין אַנטקעגן דעם „גוט־נאַכט“.

זיין בליק געזעגנט זיך מיט די ווענט, מיט די פּאַליצעס ביכער. עס פילט זיך, אז ס'איז אים דאָ אַלץ טייער און ליב. ווען דער גלאָק לאָזט ווימן, אז די ביבליאָטעק פאַרמאַכט זיך, איז ער שוין אונטן באַם אַרויסגאַנג, געזעגענענדיק זיך מיט די וועכטער...

דער „קעניג" האָט פאַרלאָזן זיין „פּאַלאַץ", די ביבליאָטעק איז פאַרמאַכט.

וואוהין איז דער „קעניג" אַוועק? פון וואַנען לעבט דער „קעניג"?

ווער איז ער? וואָס טוט ער? וועמען זוכט זיין אויסגעהונגער־טער בליק? ווי לאַנג נאָך וועט ער „קעניגן"?

ער איז איינער פון די טויזנטער שאָטנס פון ניו יאָרק, וואָס דרייען זיך אַרום שווייגנדיקע אַרום אונז און דערמאָנען און פאָדערן — וואָס?

גיי, דערגיי די סודות פון שאָטנס־קעניגן, וואָס דרייען זיך אַרום, שווייגנדיק און שטאָלץ, אף די גאַסן פון מאַנהעטן.

# אַראָפּ און אַרויף

עס איז געווען אין קאַרנעגי זאַל, וואו עס קומען פאָר די וויכ־טיקסטע און געוויכטיקסטע מוזיקאַלישע געשעענישן. כמעט אין דערזעלבער וואָך איז עס געשען, אָף דערזעלבער בינע.

די באַרימטסטע קאָנצערט און אָפּעראַ־זינגערן פון אַמעריקא האָט זיך געזעגנט מיט דער בינע. שומען־העינק האָט געזאָגט און אויסגעזונגען איר „אדיע!" צו דער מוזיק־וועלט און פאַרערער. פופציק יאָר האָט זי געהערשט, באַצויבערט אירע צוהערער מיט איר באַווייזן זיך אויף דער בינע. מיט איר פערזענלאַכקייט אליין פלעגט זי געווינען דעם עולם. זי איז קאַרוזאָ.ביידע האָבן געהאַט די קראַפט צו ווערן אינטים מיט זייער עולם. ניט אומזיסט האָט שומען־העינק באַקומען דעם ערן־טיטל: די מאַמע — און שפּעטער — די באָבע פון דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּעראַ. סיי אין איר שטים, סיי אין איר פערזענלאַכקייט איז עפּעס געווען מוטערלאַכס, נאַטיר־לאַך־מענטשלאַכס.

נאָך מיט אַ דריי יאָר יצוריק פלעגט זי אַרויסרופן די גרעסטע באַוואונדערונג, ווען זי פלעגט אויפטרעטן, מיט איר שטאָלצן, כמעט יונגן גאַנג, מיט דער פרישקייט פון איר שטים און מיט אירע ריזן־מעגלאַכקייטן. זי איז נאָך אַלץ געווען, ווי די העלדן פון וואַגנערס אָפּעראַס, ווי איר באַרימטע „ערדא" פון „זיגפריד". מען האָט גע־וואוסט, אַז זי איז איבער זעכציק, אַז זי איז אַ באָבע; מען האָט געוואוסט וועגן אירע פערזענלאַכע ליידן אין מלחמה־צייט. מען האָט זיך געפרעגט: וועט זי קיינמאָל נישט אַלט ווערן? וועט זי זיך נישט בייגן פאַרן דיקטאַטאָר — צייט? און אין יעדן אויפ־טריט אירן איז געווען דער ענטפער: „ניין"! זעט, ווי איך קוק אויס; הערט, ווי איך זינג מיין „ערל־קינג"!

קאַרנעגי זאַל, דעצעמבער 1927. אַ שבת נאָכמיטאָג. שומאַן־העינק געזעגנט זיך מיט דער בינע. זיך פּריוואַטליך אונטערגעגעבן.

איבערגעפּאַקטער זאַל און איבערגעפּאַקטע בינע. קוים פּלאַץ פאַר דער פּיאַנאָ. אַ יום־טובדיקער עולם. שומען העינק באַווייזט זיך. ניט אַ י ר גאַנג. די פיס הויבן זיך שוין ניט טענצלדיק, עפּעס שווערט אַראָפּ. די עלטער־לאַפּע האָט די שטאָלצע, ברייטע אַקסל געבויגן. דער קאָפּ איז ווייס, ווייס.

דער אויסוואַל פון דער פּראָגראַם איז ווי ספּעציעל צוגעפּאַסט. לידער פון יוגנט, פון גליק, ליבע, שטאָלץ. לידער פון גלויבן, האָפענונג, לידער פון יאוש און אומגליק. לידער פון שיידונג, פון ווינטער און — טויט. אַ ווידוי פון אַ גאַנץ מענטשלאַך לעבן אין דער פּראָגראַם. שומאַן־העינקס לעבן אויסגעזונגען אויף איר לעצטן קאָנצערט.

זי זינגט. שיין, גרויס, נאָר אָנגעשטרענגט. ניטאָ דער כח פון אַמאָל, ניטאָ דער ברען. און וואָס זי דערזינגט ניט מיטן קול, וויל זי מיטן קרעפּטיק געבויטן גוף דערזינגען, נאָר ביידע געטרייע דינער זיינען שוין אויסגעדינט.

דער עולם איז באַגייסטערט, אַפּלאָדירט אָן אויפהער, נאָר זי — די קלוגע מאַמע — ווייס, אַז ס'איז ניט אַ דאַנק דעם קאָנצערט, ס'איז פאַרן אַמאָל. אין איר דאַנק־שמייכל ליגט אַ טראַגישע איראָניע.

איר ערשטער „ענקאָר" איז איר „ערל־קעניג", וואָס פלעגט תמיד זיין איר לעצטער טריאומפירערישער ענקאָר. עך, ווי פּאַטעטיש איז עס געווען. דאָס ליד איז געווען דער הויפּט־עדות פון איר אָפּדאַנקען.

אָט הויבן זיך אָן די צערעמאָניעס פון געזעגענען. סאָלדאַטן מאַרשירן אַרויף אויף דער בינע מיט דער אַמעריקאַנישער פאָן. בלומען־קראַנצן, בוקעטן בליען אויף דער בינע, רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטן. אויסגעצוואָגענע רעדנער האַלטן געשליפענע רעדעס. שומאַן־העינק שטייט אַ שטאָלצע, נאָר באַלד הויבט זיך איר קאָפּ אָן בויגן, בויגן. זי וואָלט אים — דעם קאָפּ — וועלן באַהאַלטן פון עולם, צום ערשטן מאָל אפשר, אין די פופציק יאָר...

אָט איז וואָלטער דאַמראָש, אַמעריקאַס ליבלינג־דיריגענט, וואָס האָט לעצטן יאָר אָפּגעדאַנקט. ער פילט איר מיט. ער רעדט וואַרעם. טרערן שטראָמען פריי פון אירע אויגן. ווייסע טיכלאַך בלישטשען אויף צווישן דעם עולם. אַ שלוכצן, אַ שנייצן.

אַ מתנה אין נאָמען פון אַמעריקאַנער פאָלק דערלאַנגט ער איר, דאַמראָש. אַ פּאָרטפּעל מיט 48 לויב־בריוו פון די גאָווערנאָרס פון די שטאַטן. שומאַן־העינק שטעלט זיך ענטפערן. אָף אַ נידעריק, נידעריק קול. שטאַרק גערירט. אַ פּאָר דאַנק־ווערטער. זי קומט אָבער גלייך צו זיך און הייסט דער פּיאַניסטן אַקאָמפּאַנירן. זי האָט געזונגען און אַ סך געזונגען, נאָר מער געוויינט, פאַרשטיקטערהייט. ווען זי האָט באַצויבערט דעם עולם מיט בראַמסעס אַ וויג־ליד, האָט זי קוים געקאָנט קאָנטראָלירן זיך פון געוויין. זי האָט גערעדט צום עולם עטלאַכע מאָל, גע־שטאַרקט אים און זיך מיט וויצן און חכמות, גערייצט זיך, אויף שפּאַס, מיט אירע יחוס־בריוו און בלומען־קראַנצן, נאָר מען האָט געפילט, אַז זי וואָלט דאָס אַלץ מוחל געווען, ווען זי וואָלט נאָכאַמאָל געקאָנט אַ זינג טאָן, ווי אַמאָל.

און טראַגיש איז געווען איר לעצטער קאָנצערט, מענטשלאַך־רירנדיק. אין איר גלאָריע האָט זיך אַ שאָטן באַוויזן. אַ זון איז אונטערגעגאַנגען. ראָזעווע וואָלקנדלאַך האָבן דעם האָריזאָנט באַ־שיינט. אָט ווערן זיי בלייכער, בלייכער.

די שטאָלצע, ריזיקע שומאַן־העינק איז אַ הילפלאָזע פאַר איר געטרייען עולם געשטאַנען. זי האָט איר שוואַנען־געזאַנג אָפּגעזונגען. זי האָט אָפּגעדאַנקט.

* * *

אין דערזועלבער וואָך, אויף דערזעלבער בינע האָט זיך יהודי מנוחין באַוויזן. אַ פּוכקער אינגל פון אַ יאָר צען. אין איין האַנט אַ סמיטשיק, אין דער אַנדערער — אַ פידעלע. מיט אים דער ניו יאָרקער סימפאָנישער אָרקעסטער פון איבער 100 שטיק. די עובדא — בעטהאָווענס פידל־קאָנטשערטאָ, די שווערסטע סוגיא אין דער פידל־מוזיק.

מבינים האָבן מיט די אקסל געקנייטשט, באטראכט דאָס פאר א משוגעת. בלויז געציילטע מייסטער פון דער וועלט נעמען זיך אונטער צו שטעלן די קאָנטשערטאָ און ניט תמיד געלינגט זיי. ווי קומט א אינגל צו פארשטיין בעטהאָווענס גאונות, ווי וואָגט ער אריינדרינגען אין די לאבירינטן פון דער טיפסטער קונסט?

דער אָרקעסטער שפּילט אויף „אלע כלים". יעדע סעקציע האָרעוועט. דער דייטשער דיריגענט קאָמאנדירט מיליטעריש. דער ריזיקער עולם הערט זיך איין פארכאַפּט. דער קליינער יהודי, אין א ווייסער, איינפאכער בלוזע און קורצע סאמעטענע הויזלאך, ווי א קינד, וואָס איז נאָר-וואָס געקומען פון א שפּיל-פּלאַץ; קורץ, בלאָנד, געשאָרן — שטייט פארן עולם, אָן א סימן פון נערוועזקייט, ווי ניט אים מיינט מען דאָס.

ס'דוכט זיך, אז ער הערט זיך ניט איין צום אָרקעסטער, אז ער וועט זיך פארטראכטן און פארגעסן, ווען אָנצוהויבן זיין סאָלאָ-טייל; עס וועט אים נמאס ווערן צו שטיין און ער וועט...

אלע אויגן געווענדט אף אים, אלע הערצער קלאַפּן פאר אים, נאָר אָט גיט ער לאנגזאַם, קאַלטבלוטיק א נעם דאָס פידעלע צו זיך און אָן אַן אָנשטעל, ווידער אָן דעם קלענסטן סימן פון נערוועזקייט, הויבט ער אָן שפּילן. זיין בויג איז אזא קרעפטיקער, דער טאָן אזא קלאָרער און פרישער, אז עס וועלט זיך באַין אופן ניט גלויבן, אז דאָס קומט ארויס פון קינדס פידל. ס'דוכט זיך, אז ניט ער שפּילט, נאָר די ערשטע ריי פון די פידלער. ניין, טאַקע ער אליין. יענע שווייגן. וואו האָט זיך גענומען אזא קראַפט צום קינד?

דער עולם גאַפט. מיילער אָפן, אויגן אָנגעצונדן, קעפּ גע-שטרעקט ווייט פאָראויס און אלע אויפן אינגל. פנימער שוויצן פון אינערלאכער היץ.

יהודי גיט פּלוצים איבער זיין פידעלע צום קאָנצערטמייסטער, ער זאָל עס אָנציען. דער קאָנצערטמייסטער טוט עס שנעל, געשיקט. יהודי שטייט נעבן אים, עכט-קינדעריש און ווישט זיך דערווייל דעם שווייס פון פּנים. דער קאָנצערטמייסטער ווישט דערווייל אויך ארום יהודיס פארשוויצט פידעלע.

אָט שפּילט יהודי ווידער. ער איז דער מייסטער פון דער סיטואַציע. איינמאָל האָט ער אַרויסגענומען זיין טיכעלע זיך אָפּצווישן דעם שווייס, אָבער זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער דאַרף באַלד „אַריינפאַלן" מיטן אָרקעסטער און עס שנעל צוריק אַריינגעשטעקט אין דער קעשענע.

די לאַנגע — 40־מינוטיקע — קאָנטשערטאָ איז געענדיקט. מען פּאַטשט מיט אַלע כחות. אַ פּאַרע גייט אַרויס פון די פּעטש. יהודי קומט אַרויס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, שמייכלט קינדערישליב; גייט און וואַקלט זיך אונטער, שטאַרק אויסגעמאַטערט, נאָר צופרידן. ער איז נאַטירלאַך, קלוג, דער קליינער. בעט זיך באַם דיריגענט, ער זאָל טיילן דעם כבוד מיט אים, פּרובירט אים שלעפּן מיט ביידע הענטלאַך פּאָראויס צו פאַרנייגן זיך.

דער הויכער דייטש וויל ניט און האַלט אין איין קלאַפּן איבער דער פליייצע יהודין.

דער אָרקעסטער־פּערסאָנאַל, אָט די ציניקער־מוזיקער, וואָס האָבן זיך שוין אַזויפיל אָנגעזען און אָנגעהערט, אַז קיין קאָלעגע קאָן זיי שוין ניט איבערראַשן — זיינען אָבער איצט אַריין אין עקסטאַז און זיי הערן ניט אויף צו אַפּלאָדירן גלייך מיטן עולם, מינוטן־לאַנג.

אין דרויסן שטייט אַ גרויסער עולם און רעדט מיט אַנטציקונג פון גרויסן וואונדער, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס בייגעוואוינט. צומאָרגנס זינגען זייערע הלל־והלל די מוזיק־קריטיקער. אין איין נומער „ניישאָן" צעגייען זיך אין לויבן צום קליינעם יהודין: דער ניכטערער העיוואוד ברון, ווילאַרד (דער רעדאַקטאָר) און אַלמאַ גלוק, צימבאַליסטס פרוי.

אַ נייער שטערן. ניט יעדן טאָג גייט אויף אַ שטערן. ניט יעדן טאָג גייט אונטער אַ שטערן. דער וואונדער פון אויפגיין און דער ווייטאַק פון פאַרגיין.

שומאַן־הייניק און יהודי מנוחין. אין איין וואָך. פון דערזעלבער בינע. ווי שיין איז דאָס לעבן, ווי ברוטאַל איז די צייט.

און בלייבן בלייבט דאָך בלויז דער איצט. ניט דער נעכטן קאָן פאַרענטפערן, ניט דער מאָרגן קאָן צוזאָגן. וואָס קאָנסטו היינט געבן? וואָס ביסטו היינט?

ווייפל דורכפאַלן האָט דער קאַרנעגי זאַל געזען? וויפיל יאָרנ־לאַנגע אילוזיעס זיינען צעשמעטערט געוואָרן אין איין אָוונט?

ווער פון אונז קומט דאָס ניט אַרויס בשעתו אויף דער בינע פון לעבן און איז גרייט „איינצונעמען א וועלט". יעדער אַף זיין אופן, אין זיין צייט.

און מאַכן דעם סך־הכל ווילט זיך נישט. אימיצער אַנדערש אָבער מאַכט אים פאַר אונז סיי־ווי־סיי...

# דאָס געזאַנג אין סאָבווײ

זונטיק פרימאָרגן. אויסגערוטעטער, אָנגעפּוצטער עולם אַף טראָ־טואַרן, אין קאַרס און סאָבווײס. יום־טוב רו.

איך שטײג אַרויס פון סאָבווײ־וואַגאָן, וואַרטן אַף אַן אַנדער באַן. איך דרײ זיך אַרום אַף דער האַלב־פינצטערער פּלאַטפאָרמע אַן אומגעדולדיקער, אַן אומצופרידענער, וואָס כ'דאַרף אײנאָטעמען דעם טוכלען ריח פון דער קעלער־לופט.

פּלוצלונג דערטראָגט זיך פון ערגעץ־וואו אַ געזאַנג. נײן, ניט פון דער פּלאַטפאָרמע קומט דאָס געזאַנג. די איבעריקע וואַרטנדיקע פּאַסאַזשירן אַף דער פּלאַטפאָרמע זײנען, אַזוי ווי איך, נײַגעריק צו וויסן פון וואַנען עס קומט.

אַן אָנקומענדיקע באַן דונערט אָן. אַ הודזשען און גרילצן פון מעטאַל, אַ פּאַרהאַק פון טירן, אַ גערײטשע און געאײַל פון טריט, אַ קאַקאָפאָניע פון קולות — און עס ווערט ווידער שטיל.

איך וואַרט נאָך אַלץ אַף מײַן באַן. מיטאַמאָל — ווידער דאָס געזאַנג. קרעפטיקע באַריטאָנען־טענער דערגרײכן אַלץ נענטער צו מיר.

פון וואַנען דאָס געזאַנג? איך גלויב זיך אַלײן ניט: עס קומט פון שטאָק־פינסטערן טונעל, פון וואַנען עס וועט מסתם באַלד אָנפליען מײַן באַן.

מײַן בליק דרינגט אַרײַן אין דער פינצטערניש פון לאַבירינט, מײַן אויער איז אָנגעשפּיצט. איך דערזע ענדלאַך אין דער געדיכטער פינצטערניש — אַ פונק. דער פונק ווערט גרעסער און גרעסער;

דאָס פײַערל וואַרפט זיך אַהין און הער און דערנענטערט זיך פון הײל אַרויס, צו דער פּלאַטפאָרמע.

דאָס פײַערל ברענגט מיט זיך דאָס געזאַנג. וואָס גרעסער דאָס פלעמל, אַלץ שטאַרקער און קלינגנדיקער דאָס געזאַנג.

א פלוצלינגדיקער, ראַשיקער פייף פון דער פינצטערניש. דאָס פייערל גיט א לויף אַן א זייט, צו דער פייכטער וואַנט פון סאָבוויי.

א רעוועז פון אַן אָנקומענדיקער באַן. מיין באַן. ניין — איך וועל ניט אריינשטייגן. דאָס פייערל מאַניעט צו זיך.

די באַן נעמט זיך ווינציק וואָס צום האַרצן, וואָס איך „נעם" זי ניט, דולט מיר אַן א פולן קאָפּ און פאַשווינדט אין תהום אריין.

ווידער אַמאָל דאָס געזאַנג פון קרעפטיקע מענער־שטימען פון דער פינצטערער הייל ארויס.

דאָס פייערל איז שוין גאָר נאָענט. ס'איז א לאַמטערן. פון טונעל ארויס באַווייזט זיך א הויכע פיגור, נאָך איר נאָך איינע און נאָך.

דאָס גייען פינף מענער, סאָבוויי־ריינִיקער. זיי זיינען פאַרטאָן אין זייער ארבעט. זייערע קעפּ אַראָפּגעטיפט צו דער ערד. מיט פיקעס קלייבן זיי צונויף די אָנגעוואָרפענע פּאַפירן, מיט בעזימער ריינִיקן זיי די שינעס.

זיי קוקן ניט צו אונז, אַף דער האַלב באַלויכטענער פּלאַט־פאָרמע. זיי זיינען פאַרטיפט — אין דער ארבעט און נאָך מער — אין זייער זינגען.

שוואַרצהאָריקע, לאַנגנאָזיקע און שפּיציק־פּנים'דיקע. גריכן צי ארמענער.

דאָס געזאַנג הערט אַף א ווײַלע אויף. אָבער באַלד פאַנגט איינער אָן סאָלאָ, אין א לירישן טענאָר און די איבעריקע פיר כאַפּן אונטער, מיט האַרץ.

איז דען נויטיק צו פאַרשטיין די ווערטער פון זייער אומעטיק ליד? עס איז א פאָלק־ליד. ס'איז א פּראָדוקט פון מאַסן־ליידן, מסתּם. אזוי האָבן זייערע זיידעס דורות־לאַנג, אין זייער פאַר־קנעכטשאַפט, אין זייער ביטערער נויט, אויסגעזונגען זייער פּיין...

פינף סאָבוויי־ריינִיקער, פרעמדבאָדנדיקע, פינף אַמעריקאַנער שקלאַפן זינגען פון די פינצטערע היילן ארויס זייער ליד פון צער און ווייטיק. אין א זונטיק פרימאָרגן, אין טאָג פון רו.

איך שטיי פאַרגאַפט. איך וויל הערן און הערן. אָבער, מיט

אראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט דעם וויינענדיקן ניגון, לאָזן זיי זיך ווידער אין דער פינצטערניש פון טונעל אריין.

מיין באַן קומט אָן. איך שטייג אריין און קוק דורך דער פענצטער־טיר צו דער פייכטער וואַנט ארויס. און דאָרט, צווישן שטיין־וואַנט און שטאָל־וואַנט פון וואַגאָן, ווי אין א שפּאַרונע אריינגעקוועטשט, שטייען די פינף ארבעטער און וואַרטן, ביז די באַן וועט אָפּגיין.

דורך דער טיר פון וואַגאָן שפּאַרט זיך דורך זייער טרויעריק געזאַנג.

די באַן פליט. רעדער־רויש, מעטאַל־געבראַזג, וואַגאָן־געסאָפּ — דאָס פּאַרטויבנדיק גערעווע פון מאָנסטער־סאָבוויי, קען אָבער ניט דערשטיקן דאָס געהערטע געזאַנג פון די סאָבוויי ארבעטער וואָס שרייט אין מיין בלוט העכער און העכער.

# דער לעצטער אָוונט אין „סטאַדיום"

מיטן שליסן זיך פון די סטאַדיום־קאָנצערטן ענדיקט זיך דער זומער; ווייניקסטנס, בא אונזער סטאַדיום־עולם. און פונקט ווי בא דער דערעפנונג, אַזוי איז אויך דער שלום־אָוונט אַן אמת'ער יום־טוב פאַר מוזיק־ליבהאָבער. קיינער פילט זיך אָבער ניט אַזוי יום־טובדיק, ווי די אידישע ראַדיקאַלע יונגוואַרג, וואָס איז די הויפּט טאָן־געבערן (צווישן עולם, ניט אין אָרקעסטער...) און וואָס פילט אויס די מאַסיווע שטיינערנע בענק־שוועלן פון סטאַדיום.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אויסער דער ליבע צו מוזיק, איז דאָ נאָך אַ סבה, וואָס ציט דעם עולם צו די קאָנצערטן, איבער־הויפּט צו די לעצטע אָוונטן און באַזונדער צום שלום־קאָנצערט. די סיבה איז זייער אַ וויכטיקע.

אונזער יונגוואַרג לאָזט זיך זומער־צייט ארויס איבער די קעמפּס, וואָס ארום ניו יאָרק און דאָרטן שליסט מען נייע באַקאַנט־שאַפטן; מען באַקומט נייע פריינט און עס אַנטוויקלען זיך ראָמאַנען וואָס גייען, — אַזוי צו זאָגן, אַפן צייטונגס־לשון — אין פאָרט־זעצונגען.

צוליב די הייסע וועטערן און צוליב אַנדערע, ניט פאַראויס־געזעענע אורזאַכן, פאַרגעסט מען געוויינטלאַך אָן די ניי־געשלאָסענע באַקאַנטשאַפטן, נאַר איידער מען צעשיידט זיך, פאַרזיכערט מען איינע די אַנדערע:

„מיר'ן זיך זען אין סטאַדיום".

ווייל אַזוי איז דער מנהג און אפשר אויך אַ דין.

אַלזאָ, בא די סטאַדיום־קאָנצערטן טרעפט זיך דער קעמפּ־עולם; קומען פאַר די פאָרטזעצונגען פון חבר'שאַפט, ברידערלאַכקייט, א. א. וו.

און מאַכט זיך, ר״ל, אַז עמיצער האָט ניט געקענט זיין באַ די קאָנצערטן די גאַנצע צייט, וועט ער אָבער, למען השם, ניט פאַרפעלן צו זיין באַם לעצטן אָוונט. און דאָס איז, לויט אונזערע פּונקטועלע אונטערזוכונגען, געווען די הויפּט־סיבה, וואָס דער לעצ־טער אָוונט פון די סטאַדיום־קאָנצערטן איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז אַלע דורכגאַנגען און געזימסען זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן.

עס איז געווען אַ שיין בילד צו זען די יוגנט, וואָס איז נאָר וואָס פון די קעמפּס געקומען מיט די פון זון פאַרברוינטע, געזונטע פּנים׳ער, אין די באַניקערטע קאָסטיומען, פול מיט לעבנס־פרייד.

און אַ טראַדיציע, ווייזט אויס, איז אַז מען מוז רעדן רוסיש און דוקא מיט אַן עכט־אידישן אַקצענט. דערפאַר אָבער באַקומט איר דרך־ארץ אַ קוק טוענדיק אַף די מיידלאַך אין די רוסישע און אוקראַינישע בלוזקעס, מיט די קינסטלערישע אויסגענייעכצן און אַף די שלאַנקע בחורים אין די רובאַשקעס און קאָסאָוואָראָטקעס.

מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אַף איין בחור, וואָס טראָגט זיין קאָסאָ־וואָראָטקע בלויז באַ דער דערעפענונג און באַם שלום פון די סטאַ־דיום־קאָנצערטן, און, ווייזט אויס, אַז ער איז ניט דער איינציקער. זאָל זיין געלויבט אַללאַ דערפאַר!

---

די פּראָגראַם פון לעצטן אָוונט איז אַ „ריקוועסט“־פּראָגראַם, ד. ה. דעם עולם ווערט, מיט אַ צייט פריער, געגעבען דאָס רעכט אויסצוקלייבען זיין אייגענע פּראָגראַם פאַרן לעצטן אָוונט. און מערקווירדיק: די נומערן, וואָס האָבן באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען און וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן דעם לעצטן אָוונט זיינען געווען דורכאויס דער אויסוואַל פון אונזער ראַדיקאַלער אידישער יוגנט, וואָס, ווי אויבן באַמערקט, דאָמינירט אַף די סטאַדיום־קאָנצערטן.

עס זיינען געשפּילט געוואָרן בלויז צוויי זאַכן: „טשייקאָווסקיס „פּאַטעטיק“־סימפאָניע און בעטהאָווענס פינפטע.ביידע סימפאָניעס זיינען זייער פּאָפּולער אַף דער אידישער ארבעטער גאַס און באַ

אונזער יונגוואַרג און עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרוואָס עס איז אַזוי.

דער וועלט־שמערץ און פּעסימיזם פון טשאַיקאָווסקי און דער ברוויזנדער, געזונטער אָפּטימיזם פון בעטהאָווען — ביידע אַפּעלירן צו די הערצער פון אונזער אידישן עולם, וואָס הערט זיך צו צו די סימפאָניעס מיט אַזאַ רעליגיעזן ערנסט און לעבט דורך יעדן קרעכץ פון דער טשעלאָ און שאַל פון טרומייט.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער סטאַדיום דעם לעצטן אָוונט! אַזוי ווי אָנגעפילט מיט ריזיקע בלומען־בייטן האָט אויסגעזען דער מיט צוואַנציק טויזנט־קעפּיקער באַזעצטער אַמפיטעאַטער.

וואָס פאַר אַ טומל און רעש איז געווען איידער דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן און וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכע שטילקייט האָט געהערשט צווישן עולם בשעת'ן קאָנצערט.

וואָס פאַר אַ פריידיקע אויפרעגונג איז געווען, ווען קעמפּערס האָבן זיך באַגעגנט פאַר און נאָכן קאָנצערט. עראַינערונגען און שפּאַסן; פאַרליבטע בליקן און קאַלט־געוואָרענע הערצער; פאַרט־זעצונגען פון ראָמאַנען און זייערע ענדעס; און ווער קען וויסן די סודות, וואָס האָבן געשוועבט צווישן די קאָלאָנען פון די סטאַדיום־באַלקאָנען?...

דער קאָנצערט איז אין פולען גאַנג און ס'איז אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן ווי טעמפּעראַמענטן רעאַגירן אַף אים.

אַן אייביקע אָנשיקעניש, ווייזט אויס, זיינען די אונטערברו־מערס; אָט די, וואָס ווילן ווייזן, אַז זיי זיינען גאַנצע שמעלקעס מיט טשאַיקאָווסקי'ן אָדער בעטהאָווענ'ען; אָפּט פאַררייכטן זיי די מוזיק, גיבן צו זייערע אייגענע טענער און עס איז אַ גרויס וואונדער, וואָס עס פּאַסירן ניט קיין מאָרדן באַ אַזעלכע קאָנצערטן. ראַדיקאַלע מיטלען וועלן אָבער מוזן אָנגענומען ווערן צו באַפרייען די ליידנדיקע, מוזיק־ליבהאָבנדיקע מענטשהייט אָט פון די שלעק.

דאַן קומען די שאָקלערס. זיי באַלאַנגען צו דער ראַסע, וואָס מוז אינטערפּרעטירן די מוזיק דורך קאָפּ־און פּלייצעס־

באַוועגונגען. צו זיי באַלאַנגען אויך די, וואָס שאָקלען זיך, אַזוי ווי באַם דאַווענען.

מאָדנער פון די לעצטע זיינען די, וועלכע קייען „גאָם“ און קייענדיק האָבן זיי מיט די באַקן־ביינער אויסגעטאַנצט די אַלעגראָ קאָן גראַציאַ מאָוואָמענט פון דער „פּאַטעטיק“.

אָריגינעל זיינען געווען די, וואָס האָבן אויסגעשפּילט די צו זיי אַפּעלירנדיקע, טיילן סימפאָניעס, מיט זייערע פינגער אויף די ליפּן, אָדער נאָז אָדער אויפן שטערן. מ׳האָט געדאַרפט אַרונטער־נעמען „פּיקטשורס“ פון זיי, אָדער ווייניקסטנס האָבן גרייט זייערע ביאָגראַפיעס.

אַ פּאַטעטיש בילד האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די געליבטע, וואָס האָבן אונטערן איינפלוס און טאַקט פון דער מוזיק, דאָ שטאַר־קער אָדער לויזער זיך אַרומגענומען. איין באַגייסטערטער יונגערמאַן האָט שיר ניט אויפגעהויבן זיין געליבטע אין דער לופטן, ווען די טאַצן האָבן זיך אַ צעבראָזג געטאָן אין בעטהאָווענ׳ס פינפטער...

און ס׳איז קיין וואונדער ניט. אין לופט האָט זיך געפילט די רייפקייט פון סוף־זומער. דער הימל איז געווען פאַרשווענדעריש אויסגעשטערנט. און גאָר נאָענט פון סטאַדיום האָט געוואַרט די שפּאַציר־אַלייע באַם פּראַכטפולן האַדסאָן.

לאַנג, לאַנג נאָכדעם ווי דער קאָנצערט האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט און די גוים זיינען שוין געהאַט אַהיים געגאַנגען, זיינען נאָך אונזערע יאַטן געשטאַנען גרופּקעס־ווייז אַרום דעם סטאַדיום. דאָס בחורטום האָט פאַרשריבן אַדרעסן פון מיידלטום; דאָס געזעגענען איז אָנגעקומען אַזוי לאַנגזאַם; פּאָלימליימ האָבן זיך אַריינגעמישט און געשאָלטן און געשטופּט די ראָמאַנטישע יוגנט, וואָס האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק.

נאָך אַ פאַרברוינט פּנים, נאָך אַ געאָרעמט זומערדיק פּאָרל; אַ מיידלשער געלעכטער, אַן אַקאָרד פון אַ סימפאָניע און — שיינע חלומות זיינען געענדיקט געוואָרן. דער סטאַדיום האָט זיך פאַר־מאַכט, דער זומער איז פאָריבער, דער שאַפּ מאָנט זיין חוב.

# אַלעגראָ

מוזיק איז אַ כּישופֿער. מוזיק איז אַ לייטערער, אַ טרייסטער. גוט איז דעם, וואָס קאָן, אויפֿן רוף פֿון קלאַנג, זיך פֿאַרוואַנדלען, זיך דערהויבן און פֿאַרגעסן.

אמתע מוזיק איז גינגאָלד, איז דאָס קוואַליקסטע און געלייטערטסטע פֿון איר שאַפֿער.

דאָס שטענדיקע בראַזגען און טראַסקען פֿון גרויס־שטאָט ווירקט אויפֿן געהער, פֿאַרטויבט און פֿאַרטעמפּט. דאָס כאָרכלען פֿון ראַדיאָס, דאָס צימבלען פֿון פּיאַנאָלאַס, דאָס אומגעלומפּערט חוצפּהדיק קוויטשען פֿון דזשעזיקן סאַקסאָפֿאָן, דאָס ריטשען פֿון סאָבוויים, דונערן פֿון „עלס" און דאָס אומאויפֿהערלאַכע רעווען פֿון גאַס, צערייצן באַם ניו יאָרקער דעם חוש פֿאַר ריטם.

זיין קול דינט ניט מער נאַטירלאַך. ער רעדט תּמיד אויף אַ העכערן רעגיסטער. אים קומט אויס, גייענדיק אויף דער גאַס, אויף דער באַוערי, אַריבערצושרייען די קאַפּעליע פֿון זיך יאָגנדיקע פּראַכט־אַטאָמאָבילן, קלינגנדיקע און סטוקענדיקע טראַמווייען, און צו באַזיגן, מיט זיין קול, די געהאַמער־באַטעריע פֿון די עקספּרעס „על"ס איבער זיין קאָפּ.

אים קומט אויס, אין סאָבוויי, אַריינצושרייען אין חברס אויער אַריין אויף די העכסטע טענער, אָדער שווייגנדיקערהייט איבערצוטראָגן די אַגאָניע פֿון שטאָל־שלאַכט צווישן גאַלאָפּירנדיקע רעדער און בלאַנקע שינעס.

נאָר אינעווייניק, אין טעמפּל פֿון מוזיק — אין קאַרנעגי האָל, אין טאַון־האָל, אין דער מעטראָפּאָליטן — איז שטיל. דאָרט טובלט זיך ס'געהער און ס'רוט דער גייסט.

וועכנטלאַכע פֿרייטיק־נאָכמיטאָג קאָנצערטן פֿון דער פֿילהאַר־

מאָניע. איז כמעט דער גאַנצער זאַל באַזעצט מיט אַ קליינבירגער־לאַכן און פאַרמעגלאכן עלעמענט. און ארבעטער, וואָס זיינען אויסגעדורשט נאָך מוזיק, האָבן ניט די פינאַנציעלע מעגלאכקייטן צו באַזוכן די קאָנצערטן; שטיקן זיי זיך אַף דער דושנער גאַליאָרקע, אָדער קאָנען קיין בילעטן אינגאַנצן ניט באַקומען.

א פרייטיק נאָכמיטאג. ציען זיך לאַנגע שערענגעס מיט גרויסע, לאַקירטע אָטאָמאָבילן יצום קאַרנעגי־זאַל. דער שוואַרצער לאַקעי, וואָס איז אָנגעשטעלט צו עפענען די טירלאַך פון די מאַשינען פאַר די קאָנצערט־פּאַטראָניזירער, קאָן זיך ניט ספּראַווען און די שאָפערן דאַרפן אליין ארויסשפּרינגען און הכנעהדיק אויפמאַכן די טירלאַך פאַר זייערע באַלעבאַטים.

שטייגן ארויס פון די לימוזינען אַלטע און מיטליעריקע פרויען, צירלאַך־מאַנירלאַך, אויסגעכאָליעטע און זאַטע. זיי קומען צו די קאָנצערטן יאָר־איין, יאָר אויס, און האָבן זייערע שטענדיקע, אָפּט געירשנטע, פּלעצער; פאַר זיי זיינען די קאָנצערטן אַ צייט־פאַרטרייב.

ארימע מוזיק־ליבהאָבער, ארבעטער און סטודענטן, חלשן אריינגיין צום קאָנצערט און קאָנען קיין בילעטן ניט באַקומען. דרייט מען זיך ארום לעבן דער קאַסע און מע וואַרט אַף אַ נס. אפשר וועט אימיצער פאַרקויפן אַ ביליקן בילעט. אפשר וועט אַ דאַמע אוועקגעבן אַן איבעריקן בילעט.

שטייען, ווי בייזע כלבים, די ספּעקולאַנטן, די הויט־שינדער, מיט פּעק בילעטן און וואַרטן אַף „העכט". פּלאַקערט פון זייערע בליקן אַ טאָלער־הונגער. דוכט זיך, אז זיי וועלן אימיצן דורם זיין צוליב אַ בילעט.

שטייען ארבעטסלאָזע אידישע שאַפּ־מיידלאַך. ווילן פאַרגעסן זיך אָן זייערע צרות: פאַר זיי איז אַ קאָנצערט אַ געשעעניש, וואָס וועט זיי באַגלייטן אַף טעג און אפשר וואָכן. איז דאָ געבעט אין זייערע בליקן, איז דאָ מוזיק־דורשט אַף זייערע ליפּן.

קאַרנעגי־זאַל. פּאַרקעט־פּלעצער — ברייט און באַפּלושט. וואָס העכער אָבער אַף די באַלקאָנעס, אַלץ געמיינער און שמעלער די פּלעצער.

זעען זיך אַזויפיל שיינע גרויע פרויען־קעפּ מיט זאָרגפעלטיקע פריזורן, מיט גערונצלטע, נאָר אויסגערוטע, פּנימער; מיט זאַטע, קאַלירלאָזע אויגן; אויף די באַקוועמע פּלעצער.

אויף דער אויבערשטער, קליינער באַלקאָניע זיצן אָרימע מענטשן, אין פּראָסטע מלבושים, נאָר מיט יום־טובדיגע פּנימער. פרייט מען זיך מיטן קאָנצערט, זיצט מען אין נערוועזן דערוואַרטן.

ליכטער, אין זאַל, ווערן טונקעלער, אויף דער בינע — העלער. דער אָרקעסטער שפּילט. די קאַשטאַן־ברוינע שטרייך־אינסטרו־מענטן גלאַנצן, די מעש־אינסטרומענטן פינקלען; ווייסע הענט טאַנצן, שוואַרצע פראַקן זיינען ערנסט.

בעטהאָווענס „לעאָנאָר"־אָוועורטורע. זאַפטיק, סטימולירנדיק. דער שטורעם־גייסט פון מייסטער, איבערן זאַל. אַלטע דאַמעס זיצן געמיטלאַך און פינטלען מיט די אויגן. יונגע אַרבעטער מיידלאַך זיצן געשפּאַנט, מיט אָפענע מיילער און די מאַטקייט פאַרשווינדט פון זייערע שאָף־געשטעמפּלטע פּנימער.

אַפּלאָז קומט פון אויבן, פון דער מאַסע. רייכע דאַמעס זיינען געוואוינט, אימיצער אַנדערש זאָל פאַר זיי טאָן אַלץ.

די שלוהדיקע קאָנצערטן פון דער פילהאַרמאָניע! אַ פּאָר שעה אין געזעלשאַפט פון די גרויסע מייסטערס. די זכיה אַריינצוביליקן אין די לאַבירינטן פון בעטהאָווענס גאונות; ווערן דערהויבן פון זיין פינפטער און אויפגעברויזט פון זיין דריטער.

ווערן סענטימענטאַל און קאַפּריזנע מיט טשייקאָווסקין, מיט־וויינען אין זיין פערטער און טרויערן מיט אים, אין זיין זעקסטער.

ווערן ליריש־ראָמאַנטיש מיט שובערטן און שוועבן אין דער וועלט פון זיין „סי" מאַיאָר סימפאָניע.

פילן די מיידלשע צאַרטקייט און גראַציע אין די טענער פון מאָצאַרטן און די שפּילעוודיקייט און יוגנט־פיבער און מענדעלסאָנען. ווערן אָנגעזאַפּט מיט דער געוויכטיקייט און מאַיעסטעטישקייט פון בראַמסן און ווערן רעליגיעז בא באַכן.

זיך אָנשיכורן מיטן שטאַרקן וויין פון וואַגנערן און ווערן פריידיק פון שטרויסן. פילאָזאָפירן מיט מאַלערן און דערפילן

דעם אָנזאָג פון נייע צייטן אין דעביוסין, ראַוועלן, סטראַווינסקין און פּראָקאָפּיעפן.

און אין סאָבוויי־געענג דערהייבט אַן אַקאָרד פון בעטהאָווענען און אין שאַפּ־געפּאַנג טרייסט אַ מעלאָדיע פון טשייקאָווסקין.

טאַון האָל. זונטיק נאָכמיטאָג קאָנצערטן פון דער מוזיק־פריינט געזעלשאַפט. דאָ קומט זיך צונויף די מוזיק־אַריסטאָקראַטיע און דער אויסוואַל פון אָרקעסטער, כאָר און סאָליסטן איז פאַר די יחידי סגולה. דאָ דערלויבט מען זיך אַמאָל אויפפירן עפּעס נייס, נאָר מערסטנס גיט מען זיך אָפּ צו רעליגיעזער מוזיק, צו רעקוויעמס און קאַנטאַטאַס. דאָ דאָמינירן נאָך אַלץ די דריי „ב“: באַך בראַמס און בעטהאָווען.

דער באַלעבאַטישער קאַרנעגי זאַל און דער אַריסטאָקראַטישער טאַון־האָל ווערן אַמאָל פאַרנומען פון טומלדיקע אידישע אַרבעטער. דאַן קלינגען אין די זאַלן נייע טענער.

עס טרעטן אויף די „פּרייהייט“־געזאַנג־פאַריינען און אָרקעסטערס, וואָס זינגען און שפּילן מוזיק פון אַרבעטער־קאַמף, פון פרייהייט, מוזיק פון צאָרן קעגן די, וואָס האָבן אפשר דעמזעלבן נאָכמיטאָג אָנגעפּילט די לאָזשעס און פּאַרקעט פון די זאַלן.

די שאַפער פון דער נייער מוזיק זיינען קינדער פון נויט און דלות, וואָס טראָגן צו אין דער קלאַס־מלחמה זייער וואָפן, — זייער געזאַנג.

דאַן, ווען אַרבעטער זינגען און שפּילן, הערן די ווענט פון די זאַלן אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זיי האָבן פריער ניט געהערט. דאָס פּאַטשט די דערוואַכטע, אויפגעברויזטע מאַסע, וואָס האָט דורכגעלעבט, דורכגעפילט די מוזיק; אַ מאַסע וואָס קוואַלט מיט אומרו און אָטעמט מיט רעוואָלט.

נייע צייטן, נייע לידער. אמתע מוזיק איז פריי און דאָס שענסטע ליד איז דאָס ליד פון פרייהייט, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו דער ברוטאַלער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש.

מוזיק וועט פאַרייניקן, פאַרברידערן און באַפרייען.

# בלינדע אין ניו יאָרק

ניט די גרויסע, שרייענדיקע „קעפּ" פון בלאט פארכאפּן שטענ־דיק. עס ווירקן אמאָל מער ברעקלאך נייס, פארדרוקט אין א ווינ־קעלע, מיט פעטיט־שריפט.

גראָד זיי, די פארשטויסענע פיצלאך נייס, שרייען אמאָל איבער די גרויסע „קעפּ". זיי דערציילן געוויינטלאך אויך וועגן עפּעס א פארשטויסענעם, א נישטיקן אין דער געזעלשאפט: —

אַן ארבעטסלאָזער איז געשטאָרבן פון הונגער; א מוליער איז אראָפּגעפאלן פון א „סקעפאָלד"; א באוערי־טרעמפּ איז געפונען געוואָרן א דערפראָרענער אַפן שוועל פון א הויז...

וועמען גייט אַזעלכע נייס אָן? קען צירקולאציע זיך א הויב טאָן דערפון?

ווער רעכנט זיך מיטן גורל פון א לוין־שקלאף? א ווארע ווערט געמאכט פארן געלט־מאגנאט; איז מען מער פאראינטערע־סירט אין דעמפּסי־טוני וועט־קאמף, ווי מיטן קאמף פון הונדערטער טויזנטער אויסגעהונגערטע מיינער־סטרייקער.

די צייטונג שפּיגלט דאָך אייגנטלאך אָפּ דאָס בירגערלאכע לעבן פון דער געזעלשאפט.

די נייס־שרייבער מעסטן אָפּ די קאָלומס, צאָל שורות און „קעפּ" פאר די געשעענישן. און וואָס פאר א באטרעף האָט, למשל, דער טויט פון א סאָבוויי־אויסגראָבער, קעגן דער נייס פון א גט צווישן א מיליאָנערסקער פּאָרל?...

* * *

טעאַטער־צייט אָף בראָדוויי. א געפּאַק, א געדראַנג. אויגן סטארטשען ארויף — צו די מיניענדיקע עלעקטרישע שילדן; מיילער — אָפּן, אויסגעדורשט נאָך פארגעניגן; הערצער לעכצן, גייען אויס.

אָט באַלד, באַלד: אַכט דרייסיק וועט מען זיצן אַף די באַקוועמע פּלושענע ביינקלאַך און איינזאַפּן אין זיך...

דערווייל ציט זיך אַן אומגעדולדיק־געדולדיקע מאַסע איבער בראָדוויי. און אין לוסטיקן געדראַנג, אין דער האַפּערדיקער שטימונג, דערהערט זיך פּלוצים אַ סטוקען מיט אַ שטעקן, פּאַלט דער בליק אַראָפּ און מען דערזעט: אַ בלינדער בעטלער שפּאַרט זיך אין געדראַנג דורך. אויך ער איז דאָ אַפּן „גרויסן ווייסן וועג", וואָס פּאַרבלענדט אַלעמען מיט די טויזנטער קאָלירנדע ליכטער.

בלויז אים אליין, דעם איינזאַמען בלינדן, איז שטאָק־פינצטער. טאַפּט ער און טאַפּט דעם וועג. און אַ פּראָטעסטירנדיקע מינע באַווייזט זיך באַם עולם: ווער דאַרף אים דאָ אַף דער גאַס פון פּאַרגעניגן, פון ליכט?

עס דוכט זיך, אַז אומעטום אין אונזער לעבן, אין אונזערע מעשים, באַווייזט זיך פּלוצים דער בלינ־דער. מע ווייס ניט פונוואַנען, צוליב וואָס; מיט שטילע טריט קומט ער און אַ סודותדיקע שטילקייט ווייעט פון אים. דער בלינדער מיט זיינע נאַקעטע אויגן־ווייסלאַך, צי מיט די איבערגעצויגענע אויגן־הייטלאַך.

אַ מאָדנעם ערנסטן פּנים פאַרמאָגט ער, אַ שליח פון אַנאַנדער לעבן איז ער. אויך ער זעט, נאָר ניט דאָס וואָס מיר. ער שווייגט. מיר באַדויערן אים און וואונדערן זיך.

שטייט אויפן ראָג פון טראָטואַר אַ בלינדער, וויל אַריבערגיין. פליען מחבלים־אויטאָמאָבילן דורך; לויפן אָטעמלאָזע מענטשן אין לעבנסגעפאַר, אַריבער. ער שטייט און שווייגט, וואַרט, ביז עס באַמערקט אים אימיץ, אַ וואַרימהאַרציקער, נעמט אים פאַרן אָרעם און פירט אים אַריבער. אַ גלויביקער איז ער, דער בלינדער, אַ זיכערער, לאָזט ער זיך פירן. באַדאַנקט שטילערהייט. מער דאַרף ער ניט. פאַרשווינדט.

פּליט אַ דיריזשאַבל מאַיעסטעטיש איבער די קעפּ פון די הימל־קראַצערס. הערט זיך זיין גבורההדיקער אָטעם. שטרעקן אַלע פאַרבייגייער די העלזער אויס, פאַרזשמורען די אויגן אַרויף, וויפיל דער בליק קען דערציען.

שטייט א בלינדער און קוקט אויף ארויף. דער שטערן, פון אויגן־אָנשטרייננגונג, געזונצלט. אויך ער וויל זען, וואָס מער. און די אויערן זיינען פארשפּיצט. אויך זיי קוקן.

„אָווא, וואָס פאר א וואונדער, פאר א וואונדער!״ — זאָגט, דוכט זיך, זיין אויסדרוק.

בא דער „על״־סטאַנציע, פלעג איך תמיד הערן דאָס מאַנאָטאָן קול פון צייטונגס־פארקויפער: „פייפּערס! פייפּערס!“

דעם ערשטן מאָל, ווען כ׳האָב בא אים געבעטן א צייטונג, האָט ער געענטפערט „העלף זיך אליין“. און ווען כ׳האָב אים דער־לאַנגט א מטבעה און געוואַרט אף רעשט, האָט ער מיך געפרעגט: וויפיל?

ערשט דאַן האָב איך דערזען, אז מיין צייטונג־פארקויפער איז אינגאַנצן בלינד, זיין פּנים — שטאַר.

אמאָל פלעג איך אים טרעפן זיצנדיק, הילפלאָז — האָט זיך מיר געדוכט. וויל נעבן אים פלעגט שטיין אַן אָנגעקראָכמאַליעט מיידל און פירן דאָס געשעפט. ארום איר פלעגט זיך געווינטלאך גע־פינען עפּעס א וואוילער יונג, וואָס פלעגט איר העלפן. א וואולגארער בליק אין אירע אויגן, א שפּאָטישער שמייכל אפן פרעכן פּנים פון יונג און א טויטע ערנסטקייט — אפן בלינדן. א געפיל פון רחמנות פלעגט א טליע טאָן צו אים, נאָר ווער האָט דאָס צייט געהאַט צו טראַכטן, אין א מינוט ארום, וועגן אים?

שפּעט באַנאַכט, אין פרעסט און זאַווערוכעס, פלעגט ער שטיין אליין, דער בלינדער, א בלויער פון קעלט, און רופן: „פייפּערס, פייפּערס!“

ס׳איז געווען א ביטערע קאָנקורענץ. אף אלע פיר ראָגן זיינען געווען צייטונג־סטענדס. די איבעריקע דריי אייגנטימער זיינען געווען זעענדיקע, מיט פרויען און קינדער, צוהילף.

די „על“־באַן האָט מיך מיט רעש געפירט צו מיין סטאַנציע. איך האָב דערווייל נערוועז געבלעטערט מיין בלאַט און געשלונגען די נייס פון שעה. האָבן די גרויסע „קעפּ“ געמאַניעט און צורו ניט געלאָזט.

איז אָבער גראָד מיין בליק געפאַלן אױף אַ פאַרװאָרפן װינקל פון צייטונג, אױף אַ צוזאַמענגעקװעטשט ברעקל נייס, אין פּעטיט־שריפט, װאָס האָט זיך געלייענט אַזױ:

„אַ בלינדער, װאָס איז דערקענט געװאָרן, נאָך די פּאַפּירן, װאָס מע האָט געפונען אין זיינע קליידער, אַלס דער צייטונגס־פאַר־קױפער אױפן ראָג פון דער... גאַס, איז נעכטן געשטאָרבן אין שטאָט־שפּיטאָל עטלעכע מינוט נאָכדעם, װי ער איז אריינגעבראַכט געװאָרן אין אַ פאַרחלשטן צושטאַנד, פון אַ טעקסי־טרייבער, װעלכער האָט פאַרלאָזן ניט אָנגעבנדיק זיין נאָמען.

זיין קערפּער איז גענומען געװאָרן אין מאָרג אריין. קיינער האָט זיך נאָך דערװייל ניט געמאָלדן אים אָפּצונעמען".

עפּעס שטאַרקער װי דער רױש פון „על"־עקספּרעס, האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן. דאָס שטיקעלע נייס איז מיר נאָענט געװען. ס'האָט מיר מודיע געװען, אַז מיין בלינדער צייטונגס־פאַרקױפער איז טױט.

איך האָב זיך ניט געלױבט און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די מאָגערע נייס.

איך בין אַראָפּ פון דער סטאַנציע. אין האַרצן האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן. אַ פּחד האָט מיך ארומגענומען, אַראָפּלױפנדיק די שטיגן.

איך האָב פּלוצים פאַרלאַנגזאַמט די טריט, זיך איינגעהערט, געװאָלט דערפילן דאָס קול, װאָס פלעגט מיך דערמאָנען אָן: „פּייפּערס, פּייפּערס!"

ס'איז שטיל געװען.

עפּעס אַ יונג מיט אַ רױט פּנים האָט זיך געראָיעט ארום סטענד, איבערגעלייגט זשורנאַלן, געהאַלטן אין אױפראַמען און אױספּוצן.

פאַרבייגייער האָבן געקױפט צייטונגען, געקראָגן רעשט. קיינער האָט דעם נייעם צייטונג־פאַרקױפער ניט באַמערקט. פאַר זײ איז דאָ קיין ענדערונג ניט פאָרגעקומען.

װייל — װער קוקט דען אױף אַ צייטונגס־פאַרקױפער? װייל װער האָט דען באַמערקט דאָס שטיקל נייעס װעגן מיין בלינדנס טױט?

# טויט

אין ערגעץ איז דער טויט ניט אַזוי איילנדיק, ווי אין דער שטאָט פון כאַפּ־לאַפּ, אין דעם אַפּן־עקספּרעס־לעבנדיקן ניו יאָרק. ניטאָ דאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן לעבן, ניטאָ אויך קיין צייט צו טראַכטן וועגן טויט.

געקומען, גענומען, פאַרגעסן.

טויט פאַרלירט דאָ זיין באַדייט. פאַראַן וויכטיגערע זאַכן, וואָס פאַדערן אונזער אויפמערקזאַמקייט. קומט טויט, ווייזט זיך פאַר אונזערע אויגן אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט, שיקן מיר אים וואָס ראַשיקער אַוועק פון זיך, ווי אַן אַנשיקעניש, ווי אַ לאַסט אויף די פּלייצעס.

מיר פילן אים אָבער לעבן זיך, אַרויסגייענדיק אין דרויסן און צוריקקומענדיק, מידע, אַהיים, דאַנקען מיר זיך אַליין, וואָס מיר זיינען לעבן געבליבן, גאַנצערהייט זיך אַהיים געבראַכט. ווייל וויפיל מאָל האָבן מיר אים דורכ'ן טאָג געזען, וויפיל מאָל וועגן אים געהערט און געלעזן. און ווי געשיקט האָבן מיר זיך פון זיין נעץ אַרויסגעדרייט.

יעדער לעבט ניט שוה־בשוה מיט'ן טויט, נאָר עס זיינען דאָ מענטשן און פּלעצער, וואָס לעבן אַזוי, אַז טויט מאַכט באַצייטנס זיין רואיקע קוואַרטיר אין זייער רואיקייט.

ניו יאָרק איז ניאַגאַראַ־געברויז, ניו יאָרקער איז לייבלאַך קינד פון ניו יאָרק. דערפאַר איז אים טויט מער דערווידער, ווי דעם קליינשטעטלדיקן. ניו יאָרקער האָט פיינט די רואיקע, קעצישע נענג פון טויט.

אויב שטאַרבן — זאָל זיין אין אומגעצאַמטן געברויז, אין געדיכטן, עלנבויגנדיקן מאַסן־געדראַנג. ווי עס שפּייט אַן עקספּרעס־

באַן אויס אַ מענטשן־קופּע, ווי עס עפּנט אויף אַ סאַבוויי־טונעל זיין לאַבירינטן־מויל, איינצושלינגען דעם רעוועדיקן וואַגאַנען־גאַלאָפּ.

---

אַף דער באָוערי דרייט זיך טויט אַרום פראַנק און פריי. ער איז זיכער דאָ מיט זיין פאַנג און ניט איינער פון די חשוב׳סטע בירגער פון דער באָוערי וואַרט שוין אַף זיין עליה. נאָר דערפאַר איילט זיך טאַקע טויט ניט. אַזאַ מאָדנע טבע האָט ער שוין.

ליגן אַף די שוועלן פון פאַרמאַכטע קלייטן אויסגעצויגן, אָפּגער־ריסענע־אָפּגעשליסענע באַמס. דערשרעקן זיך נאַאיווע פאַרבייגייער, בלייבן שטיין מיט אַ רחמנות־פּנים און מיינען: אַן אומגליק געטראָפן.

לאַכט פון זיי אין האַרצן דער דורכשפּאַצירנדיקער באָוערי־בירגער. ניט אַזוי שטאַרבט אַ באַם. און מעג ער אפילו ליגן אויס־געצויגן אַפן מיטן טראָטואַר, די הענט־פיס צעשפּרייט, דאָס פּנים מילך־בלוי, מיט אַ בלוט־ריטשקעלע פון מויל, ניין — ניט אַזוי שטאַרבט אַ באַם!

דאָרטן אויבן, אין לאָדזשינג־הויז, וואָס איז קעניגלאַך באַנאַ־מענט („ראָיאַל״, „מאַדזשעסטיק״, „פּאַלאַץ״...) און וואו די קעמער־לאַך־שלאָפצימערן זיינען אָפּגעמאָסטן, ווי קברים־גריבער, — דאָרטן וועט שטאַרבן דער באַם.

קיינער וועט ניט וויסן — און קיינעם וועט אויך ניט אַרן — ווי אַזוי און ווען; נאָר ווען דער רייניגער וועט קומען מיט זיינע מכשירים אויפראַמען דעם קאַמער, וועט ער דעם באַם געפינען אַ שלאָפנדיקן. און דערפילן וועט ער, דער אַרבעטער, אַז אַ באַם שלאָפט ניט גלאַט אַזוי זיך אין העלן טאָג אַריין.

קאַלט וועט זיין דעם באַם׳ס האַנט און שטאַר זיין געזיכט. און אַ שעלט טאָן וועט דער אויפראַמער און דערשראָקן און ווי פאַרשולדיקט, איבערגעבן די אומאַנגענעמע נייעס זיין באַלעבאַס, יענער וועט אַ שעלט טאָן, אַ קראַץ טאָן זיך פאַרן קאָפּ, אָפּקלינגען נאָך פּאָליציי און אַרויפגיין אין קאַמער זען, צי דער באַם איז עפּעס ווערט געווען.

אמאָל קאָן מען ניט דערגיין אפילו דעם באָמ'ס פאַמיליע־נאָמען, שוין אָפּגערעדט פון דערגיין אָן אדרעס פון א קרוב, א גואל. קיינער וועט אים ניט באַוויינען; זיין חבר־באָם וועט זיין אָנדענק מיט א טרונק פאַרערן.

בלויז צופרידן וועט זיין מיט זיין גוף דער אַנאַטאָמיע־פּראָפעסאָר. א קאַדאַווער אַזאַ איז אָן אינטערעסאַנטע שטודיע פאַר סטודענטן־מעדיקער.

---

לויות אין ניו יאָרק זיינען אָן אָפּקומעניש, א שטיק ווילד־פּלייש אויף גיריגע לאַפּעס. בלויז אידן און איטאַליענער צאַצקען זיך דאָ נאָך מיט זייערע טויטע און שטערן דעם גאַסן־פּאַרקער און ברענגען דאָס שטעטל אין הויז־האַיקער מעטראָפּאָליע אריין.

א לויה אין איטאַליענישן קוואַרטאַל. א רייכע לויה. געשטאָרבן א „בוטלעגער"... גייט פאָראויס פון פּראָצעסיע־פּאַראַד א קלעזמער־קאַפּעליע און שפּילט אויס טרויער־מאַרשן. הינטער איר ציען זיך, צו צוויי אין א ריי, מיטגלידער פון די לאַדזשעס, צו וועלכע דער פאַרשטאָרבענער האָט באַלאַנגט, זיך פאַרזאָרגנדיק באַם לעבן מיט א גרויסער לויה...

גייען הונדערטער איטאַליענער. מיט באַפּליטערטע „בעדזשעס" אויף די לאַצן, אָנגעטאָן אין טונקעלע קאָסטיומען, געלע, בלאַנציגע שיך און מיט ווייסע הענטשקעס, וואָס פּראָטעסטירן מיט זייער ווייסקייט קעגן זייערע טרעגער — דער שווייגנדיקער טויטן־וואָגן, הינטער אים אָפענע אָטאָמאָבילן, מיט א רייכער בלומען־קרענץ־עקזיביציע און דאַן צאָללאָזע אָטאָמאָבילן, די פענצטערלאַך מיט שווארצן פאַרשטעלט.

האָט זיך דאָס לעבן אויף די גאַסן אויף א צייט אָפּגעשטעלט און געמאַכט א וואַרע דעם טויט. שילטן פאַסאַזשירן אויף די טראַמוויייען, זידלען זיך אָטאָמאָביל־פאָרער און משא־פירער. זיינען קינדער צופרידן פון דער מוזיק מיט'ן פּאַראַד. טומלט פאַר א ווייל די גאַס מיט דער געשעעניש: אַזאַ שיינע לויה. געשטאָרבן א „בוט־לעגער"...

אין דער אידישער געטאָ איז א לויה אָן א פּאַראַד. דער טויזנט־

יעריגער אידישער צער גייט נאָך דער מטה. די אַלטע אידן און אידענעס, וואָס שלעפּן זיך איינגעהויקערטע נאָך, זיינען עדות פון פאַטאַלן סוף, וואָס וועט אונז אַלעמען טרעפן.

ניו יאָרק פאַרשווינדט פון די אויגן. די קליינע עדה אידן פאַרטרייבט מיט איר הילוך דעם שטאָלץ פון דער מעטראָפּאָליע. אַ איד ווערט געבראַכט צו קבר ישראל. עפנט זיך הימלען, צעשפּרייט זיך ערד, זאָל אַנטשטומט ווערן אַלץ אַרום. זאָל זיך איינהילן די וועלט אין טרויער און אַרונטערלאָזן זאָל איר קאָפּ די גאַס. אַ איד ווערט געבראַכט צו קבר ישראל.

---

גוט פילט זיך טויט אין שפּיטאָל. גייט אַרום איבער די פּאַלאַטעס און רייבט זיך די ידים פון גרויס הנאה. דאָקטוירים און וועבטערינס ריכטן זיך אָפּ אים — און שפּילן דערווייל אַ קערטל, אין פרייע מינוטן.

און שמייכלען דאַרף די וועכטערין. עס גיט איר צו חן צום ווייסן גאַרניטור. און אין די גסיסה־מינוטן פון פּאַציענט לאָזט מען די קרובים ווייסן. לאָזן זיי זיך, אין טעקסים, צום שפּיטאָל. מיט אַן אַטעמלאָזן אימפּעט צום קראַנקן־צימער צו. פאַרהאַלט זיי אָבער בא דער טיר די וועכטערין, מיט אַ רואיקער, נאָר פּילפּאַכער מינע: שטיל זאָל זיין. ניט אַלע אָף אַמאָל. דערלויבט נאָר איינעם. אָפּרוצימער דאָרטן, רעכטס, ביטע אַהין...

מ׳טאָר קיין קולות אין שפּיטאָל ניט מאַכן. קרובים דאַרפן אין אָפּיס אַריין. מ׳דאַרף דעם טויטן „אויסשרייבן". די ביכער אין שפּיטאָל ווערן אין שטרענגער אָרדנונג געהאַלטן.

בכלל איז צום באַוואונדערן דעם שפּיטאָל־אַפּאַראַט. דאָס רעדלדיקע סדום־בעטל, וואָס האָט דעם קראַנקן צו און פון דער אָפּעראַציע געפירט, טראָגט דעם מת אין טויטן־קעלער אַראָפּ.

פון אַלע שטאָקן און פּאַלאַטקעס, פון אַלע פליגלען פון שפּיטאָל, פירן שלאַנקע, שמאָלע יונגען, אין ווייסן אָנגעטאָן, סקריפּנדיקע רעדלדיקע סדום־בעטלאַך, אין וועלכע עס ליגן, געהאַרכזאַם, מתים, מיט ווייסע לייַלעכער גוט פאַרדעקט. פירן ווייסע בעקער־יונגען

מתים דורך די לאַבירינט־קאָרידאָרן, ציען זיך פּראָצעסיעס דורך טאָג און נאַכט אין די קעלערן אַראָפּ.

ניטאָ קיין טויט אין שפּיטאָל. אַלץ מישט זיך דאָ צונויף, ווערט איינס. קראַנקע, וועכטערינס, דאָקטוירים, לעבן, טויט, גרויע ווענט. אַ מאָדנע פאַבריק, וואָס גרייט וואָס געהיימעס צו, אַ וואַר־שטאַט וואָס פאַרלאַטעט, פאַרריכט און וואַרפט אַוועק.

טויט אין שפּיטאָל? ווען דער וואַרט־צעטל פון קראַנקע, וואָס גאַרן אָנצוקומען אַהער, איז אַזוי גרויס; ווען די אָרדנונג איז דאָ אַזאַ מוסטערהאַפטע און די פּאַסירונגען אַזעלכע פלינקע...

---

אַמבולאַנסן קלינגען אַלאַרמירנדיק אויס זייער וועט־לויף מיט טויט; פייער־וועגענער שטורמירן די לופט מיט זייערע סירענען; אומגליק לויערט פון אַטאָמאָבילן־רוחות, פון „סאָב“ און „על“ גערעווע. טויט איז אומעטום אַרום. נאָר זיין ברוטאַל, עקלדיק געלעכטער, זיין מעפיסטאָפעלישע סערענאַדע ווערט פאַרטויבט און פאַרטעמפּט פון מאַכטיקן רוף צום לעבן, וואָס שפּאַרט אַרויס פון אַלע פינצטערע לעכער פון גרויס־שטאָט.

פון קעלער־קאַמער ביז׳ן וואָלקנקראַצער; פון סאָב־טונעל ביז׳ן עראָפּלאַן־געטוק אין לופט — זינגט דאָס ווילד ניו יאָרק אויס זיין ווילדערן הונגער נאָך לעבן. און איין ריזיג, מאַכטיק הלויה־געזאַנג צום לעבן רייסט זיך אָן אויפהער צו אַלע הימלען.

די וואונדערבאַרע האַרמאָניע אין דער וועלט פון דיסהאַר־מאָניע; דער פאַראייניקטער, שרייענדיקער גראַנגל מיט׳ן איינ־זאַמען, שטילן, קעצישן שונא — טויט.

# זונטיק

אין יעדן פון אונז גיט עפּעס אינעווייניק אַ פּלאַטער אויף, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז ס'איז דאָ אַ זונטיק אויף דער וועלט און אַז ער וועט אָט־אָט באַלאַנגען אינגאַנצן צו אונז. ער איז דער ציל־פּונקט פון דער וואָך, ער איז די טרייסט אין יעדן ביטערן און פאַרהאָרעוועטן אַרבעטס־טאָג. זונטיק אין אונזער חלום, זונטיק אין בלוט.

באַם זיידן און טאַטן איז דאָס געווען שבת, דער הייליקער טאָג, דער טאָג פון רוחניות, פון דער נשמה־יתירה; פון זיידענער קאַפּאָטע, פון שבת־אויבס. דער טאָג פון זמירות, פון תענוג־תורה און לעבנס־חדוה.

דער יום־טוב פון לעבן — שבת. און אַז דער טאַטע האָט אונז קליינוואַרג נאָך שלש־סעודות, פון פינצטערן הויז אין דרויסן ארויסגעשיקט, אויסצוגעפינען, צי מ'זעט שוין שטערן און ווען צו אונז פלעגט אַ פינקל־ווינקל טאָן אַ גרין־בלוי שטערנדל און מיר פלעגן אריינלויפן אָנזאָגן די בשורה, — דאַן פלעגט זיך מיטן צינדן פון שטערן אויסלעשן דער שבת־קודש און מיטן טאַטנס „גוט־וואָך, גוט־וואָך!” פלעגט אריינשלייכן אין הויז אריין די גרויע וואָכעדיקייט, דער עול פון פּרנסה.

היינט איז אונזער זונטיק ניט הייליק. מיר דערפילן בלויז דעם זיסן טעם פון פריי זיין, ווען מיר באַלאַנגען צו זיך אליין און צו דער היים. דער יאָך פון וואָכעדיקייט געפינט היינט אַ תיקון.

זונטיק וועקט ניט אַלאַרם־זייגער. אַלע שלאָפן זיך היינט אויס. מע רעכנט זיך אָפּ מיט דער איילעניש פון דער וואָך. טוט מען אַלץ געלאַסן. „היינט בין איך באַלעבאָס”, באַרימט זיך יעדער ריר. פון שכנישע היימען דערטראָגן זיך טענער פון פּיאַנאָלאָס,

וויקטראָלאָס און ראַדיאָס — די זמירות פון זונטיק. מען איז מעביר די סדרה מיטן זונטיק־בלאַט, וואָס וואַרט אויף דער שוועל פון טיר, אוועקגעלייגט פון אַן אָרים שול־אינגל, וואָס איז אויפגעשטאַנען העט פאַרטאָג יצוליב דעם.

די שווערע אויפגעבלאָזענע זונטיג־צייטונג, די גייסטיקע וואָלוואָרט־דעפּאַרטמענט־קראָם, וואָס ליגט פאַנאַנדער פאַר דיר אַזאַ רייכן אויסוואַל און וואָס לאָזט איבער — אַ קאָפּ־און־אויגנ־ווייטיק נאָך זיך.

אָט ליגט זי שוין צעשפּרייט איבער אַלע דילן פון הויז און וויפיל דאָס ווייב הייבט דערנאָך אויף, בלייבט נאָך אַלץ איבער אַ „פּאַני־פּיידזש" אין אַ ווינקל.

זונטיק איז דער פאַמיליע־טאָג, ווען מ'שפּילט זיך מיט די קינדער און מען גייט מיט זיי פאַר אַ שפּאַציר, ביז ס'וועט פאַרטיק ווערן דאָס מיטאַק. און אַז דאָס מיטאַק איז נאָך ניט גרייט צוריק־קומענדיק, איז אויך ניט קיין אומגליק. מען שטעלט ווידער אָן די ראַדיאָ, מען געניצט אַפן קול און מען מייסטרעוועט אין הויז.

מען קוקט אוים לייטיש. אַ פריש־ראַזירטער, מיטן זייד־געשטרייפטן העמד, באַבלימלטן שניפּס און גלאַנציק־פּאַרקאַמטן קאָפּ. די פרייד פון ניט־אייל, פון קאַפּעטשקע זאָרגלאָזיקייט, פון אינטימיטעט.

און אויב שוין יאָ זיך אָפּרעכענען מיט דער הור־האַאיקייט פון דער וואָך, לייגט מען זיך צו פאַר אַ ווײַלע אַ דרעמל טאָן נאָכמיטאַק, און נאָכהער, קינדער, וועלן מיר גיין אין די מוּאַווים.

אַ, די מוּאַווים. עס האָט גאָר אַנאַנדער טעם גיין מיט טאַטע־מאַמע אין די מוּאַווים. און די הויפּט־אַטראַקציע איז, וואָס מען גייט ניט אין אַ שכנישער מוּאַווי, נאָר מען פאָרט אַף בראָדוויי, אין דעם גרעסטן, רייכסטן קינאָ־טעאַטער.

גאַנץ ניו יאָרק וויל זיך זונטיק אַריינשפּאַרן אין איינער פון די דריי גרעסטע קינאָס, ווי, להבדיל, אונזערע טאַטעס פלעגן זיך שטופּן הערן דעם מגיד פון דער גרויסער כאָר־שול.

קומט מען פון אַלע עקן ניו יאָרק אַף בראָדוויי. זיינען די

סאָבוויים אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשנטום, דערשטיקט און דער־דריקט צו ווערן. פאַרשילט מען זיך ס'געביין. דאָס מוטשעניש פון תענוג.

אָט איז דער קאַרניוואַל פון ליכט — די מאַניענדיקע בראָדוויי. און בײַ יעדן קינאָ־טעאַטער ציען זיך פּאָרלאַכווייז לאַנגע שערענגעס, און מען וואַרט געדולדיק אַף דער ריי, און לעבן זיי, אין שיינע יוניפאָרמען, אויסגעפּוצטע אָרדנונג־האַלטער, וואָס אַנאָנסירן, אַז בלויז שטיי־פּלאַץ איז פאַראַן אינעווייניק, און דער עולם מערט זיך און די שערענגעס ווערן לענגער.

און אַז מ'דערגרייכט שוין די ריי, (סאַראַ מזל!) און אַז מען לויפט אַריין אינעווייניק, דאַרף מען דאָרט אויך וואַרטן, און אַז מען באַקומט שוין אַ פּלאַץ, זיצט מען אויך ניט צוזאַמען.

זעט מען אויפן לייוונט, ווי עס ליבט זיך אַן ע ר און אַ ז י ; ווי אין אַן אָרעם מיידל פאַרליבט זיך אַ רייך זינדל. און דער עולם ווייס שוין, אַז די מואווי וועט זיך ענדיקן מיט אַ קוש. ווערט אַזוי לאַקרעצדיק דערפון און פריקרע.

און טאַנצנדיקע, שיינע מיידלאַך טרעטן אויף און וואָדעוויל נומערן פילן אויס די פּאָרציע „פּלעזשור“.

נאָר דער וועג אַהיים איז מיט שטרויכלונגען. ווידער געפּאַקטע סאָבוויי און דערשטיקעניש. און אַז מען עפנט די טיר פון הויז, איילט מען זיך צו מאַכן די בעטן, וויינען די קינדער, איז די מאַמע נערוועז און דער טאַטע פאַרקרימט, רוקט זיך שוין באַצייטנס די וואָכעדיקייט אָן.

פאַריתומט און מדברדיק זיינען היינט די אַרבעטס־און האַנדלס־דיסטריקטן, אַף וועלכע עס שוויבלט מיט מיליאָנען מענטשן אין מיטן וואָך. נאַרישעוואַטע קוקן זיי אויס היינט און די הימלקראַצערס זיינען ווי געסט אַף אַ פרעמדער שמחה.

זונטיק איז דער טאָג פון דער היים, און שלעכט איז דעם היימלאָזן, וואָס האָט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן. שעמט זיך אפילו דער טרעמפּ אַף דער באוערי זיך אַרויסצושלעפּן. זיצט ער מיט די פיס אַפן טיש צעלייגט אין זיין „האָטעל“ און לייענט פון גאַס

צונויפגעקליבענע בלעטער, און צילט מיט זיין טאַבאַק־סלונע אין שפּיי־קעסטל אריין און טרעפט.

און די גייסטיקע היימלאָזע געפינען היינט אהיים אין דער צענטראַלער פאָלקס־ביבליאָטעק. די ביכער זיינען זייערע איינציקע פריינט און עס קוקן פארבענקטע אויגן פון הינטער גרינע אבאַזשורן ארויס.

זונטיק אָוונט לייגט זיך אן אומעט, ווי א נעפּל, איבער ניו יאָרק אויס. ניטאָ וואו צו פארברייננגען, טעאטערן פארמאַכט, מואַווים — איבערגעפּאַקט.

זונטיק אָוונט גייט מען פרי שלאָפן. לויערט שוין דער בלוי־גרויער אומעט פון מאנטיקדיקייט.

דרייט זיך די שפּין־ראָד פון צייט. לעבן מיר מיט דער האָפנונג און טרייסט פון זונטיק. פארקלייבט ער זיך אין די קעשענעס פון וואָכעדיקע מלבושים, איז ער דער סך הכל פון אונזער לעבן.

איין גאַלאָפּירנדיקער, ראַזעווער זונטיק אין דער לאנגער, קריכנדיקער, זיך איינעסנדיקער וואָכנדיקייט.

און ס'איז גוט אזוי. ווייל קומט די צייט פון לאנגען זונטיק, איז עס דער סוף פון אונזער שטרעבן, האָט נעפּלאַצט דער זייפן־בלאָזער חלום.

לאָמיר־זשע טרוימען פון א שפּיץ־פינגערדיקן, קאָקעטיש־מאניענדיקן, פליטער־פלאַטערדיקן זונטיק.

# בעיזבאָל

פּופּציק טויזנט אַמעריקאַנער זיצן זיך שעהען לאַנג אַף האַרטע בענק, א זונטיק נאָכמיטאַק און וואַרטן געדולדיק אַף א גרויס געשעעניש: ווער עס וועט געווינען די פּילקע־שפּיל, — די „דזשייענטס" צי די „קאָבס".

מ'האָט באַצאָלט אַ טאָלער און צוויי פאַרן פאַרגעניגן צו זען; מען קנאַקט דערווייל געשמאַק די „פּינאטס" און מ'האַלט זיך אונטער ס'האַרץ מיט א „הײם הינטל"; מען האָט געקויפט אַ „סקאָר"־פּראָגראַם און מען איז גרייט פאַר דער גרויסער שלאַכט.

דער עולם איז גוטמוטיק, דעמאָקראַטיש, נאָר האַרט און טרוקן. קעפּ —קורץ־געשאָרענע, שטערנס — כאַראַקטערלאָזע, נעזער — גראָביונגישע, מאָרדעס — פּאַרעקשנטע. קליידער, גוף און אָטעם לאָזן וויסן: קוקט אונז אָן, נאָר רירט אונז ניט אָן. מיר האָבן אַלץ, מיר ווילן גאָרניט. מיר זיינען אַלץ.

אַפּ'ן פעלד פאַנגען די שפּילער אָן פּראַקטיצירן. זיי האָבן דערווייל קיין ממשות ניט, נאָר אַ גרויסער טייל פון עולם ווערט שוין אריינגעטאָן אין שפּיל און מען אַפּלאָדירט אַ גוטן כאַפּ און אַ פלינקן לויפער. מען רעדט זיך איבער פויל וועגן די שפּילער, מען רעכנט אוים (פויל) זייער יחוס און זייערע נעמען.

פּילקעס פליען רעגנבויגנדיק איבערן פעלד, און די לופט ווערט אָנגעצויגן מיט גבורה. אַ קליין פּילקעלע פאַנגט פופציק טויזנט פּאָר אויגן און באַלד וועט עס אויך זייערע אייגנטימערס מוחות און הערצער פאַנגען. און באַלד וועט אויך גאַנץ ניו יאָרק און אפשר דאָס גאַנצע לאַנד אָטעמען מיטן פלי פון פּילקעלע.

א הייזעריקער קלונג אין לופט, און אַפּן פעלד באַווייזן זיך צו פּראַקטיצירן די שפּילער. אזוי איז די טראַדיציע: די אייגנשטאָ־

טיקע טראָגן ווייסע מלבושים, די פרעמדע — גרויע. דער עולם באַטראַכט פויל דעם שונא. „אינגלאַך" איינס ווי איינס, ברייט־פּלייציקע און פעסט־געזעצטע. פנימער — לאַנגע, מוסקולן אָנגעצויגן שטייף, הויט — בראָנז און שטאָל. יעדער ריר פון עלאַסטישן גוף איז אַ געזאַנג, אַ טאַנץ פון גבורהשער געשיקטקייט און איינגעמושטירטקייט.

ווי וואונדערבאַר גראַציעז איז דער לויף פון שפּילער, ווי אַדלעריש איז זיין בליק. און ווי געשיקט איז זיין פאַל. נאָר איבער דעם אַלעם רעגירט די מעכאַנישקייט, דער טעמפּ פון פלעגמאַטיקער.

די שפּילער פון ביידע צדדים „דערוואַרעמען" זיך. פּילקעס פליען, ווי פלינקע שלוחים, הין און הער; הענט, פיס און גופים עקזיבירן זייער אַטלעטישקייט. ניט ווילנדיק גיט זיך דער עולם אויך אַ דערוואַרעם. עס הערן זיך קולות דאָ און דאָרט. מען פאַררויכערט אויפסניי, מען קוקט אין די פּראָגראַמען.

די רייניקער גלייכן אויס דאָס זאַמד אָפּן שלאַכטפעלד. דער גרויסער שוואַרצער זייגער ווייזט, אַז די גרויסע מינוט דערנענט זיך. עס ווערט אומעטום שטיל. עס באַווייזן זיך די ניין „אינגלאַך". זיי לויפן ווינדיק, געשיקט, און איינגעהאַלטן. זיי פאַרנעמען גראַדליניק זייערע פּאָזיציעס און באַזעס. די אָנגרייפער, פאַרטיידיקער און דיינים זיינען אָנגעשפּיצט. „פּיטשער" וואַרפט, קלאַפּער־גיליאָטינער וויל קוילן, נאָר פּילקע שלייכט זיך אין כאַפּערס הענט אריין, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

פופציק טויזנט אַמעריקאַנער בירגער האַלטן בליקן אָנגעשפּיצט אויף קליינער, אומשולדיקער פּילקע. פופציק טויזנט דערוואַקסענע הערצער זיינען אויסגעגאַרט נאָך אַ „האָום ראָן". עס גייט זיי ממש אין לעבן. זייער גרויסע האָפענונג איז דער משיח־שוואונג פון „בעט".

און אַז דער מאַכטיקער „בעט" גיט אַ שים אַרום די פּילקע ווייט איבערן פעלד און זי — די גליקלאַכע — פליט איבער דעם ווייסן געפאַר־שטאַנג און פליט זיגעריש אריין אין די אָרעמס פון שמחהדיקן עולם און געבערט אַ „האָום ראָן" — דאַן הייבט זיך אין איר כבוד, דער פופציק טויזנדיקער עולם פון די פיס אויף און

וואַרפט די היטלען און הויבט חסידיש די אָרעמס אין לופט און שרייט און יובלט פון גליק און פרייד. און אויף דעם גרויסן סקאַר־בולעטין ווערט פאַרצייכנט דער זיג פון איינעם און דער גרויסער גול פון אַנדערן. און די טעלעגראַף און טעלעפאָן־דראָטן צעשפּרייטן מאָמענטאַל די וויכטיקע רעזולטאַטן, אויף וועלכע עס קוקן אויס אומגעדולדיק מיליאָנען בירגער פון די שטאַטן.

נאָר גוט איז די, וואָס זיינען זוכה צו זען די שלאַכטן מיט די אייגענע אויגן און וואָס האָבן די געלעגנהייט זיך אָנצוציינדן בײַ א „טאַי“. דאַן, ווען דער אַנטגילטיקער זיג הענגט אויף א האָר, ווען איין טרעפנדיקער זעץ וועט מאַכן דעם אַנטשיידנדיקן „ראָן“; ווען דער עולם ווערט פרימיטיוו און שעלט דעם פאַרלירער און גיט אונטער קוראַזש מיטן גאַנצן כח דעם צוקונפטיקן העלד. עך, צו ווערן דער העלד פון א סעקונדיקער שלאַכט און ווערן לאַנד־באַרימט און זען דעם אייגענעם נאָמען מיט די גרעסטע אותיות אויף די פאָדערזייטן פון אַלע צייטונגען און פילן ווי דער טייסטער ווערט געשוואָלענער!

און אַז די שפּיל ענדיקט זיך העלדיש און דער עולם ווערט פאַרשיכורט, גייט מען אריין אין אַזאַ ברען פון באַגייסטערונג, אַז מען שפּרינגט אריבער די פּלויטן, וואָס טיילן אָפּ דעם עולם פון קדשי־קדשים, פון שלאַכטפעלד; און שוואַרצע מאַסע גיט זיך א לאָז צום העלד און מען טוט אים א הייב אין לופטן און מען טראָגט אים מיט רעש פאַראַדנע צו זיין אָפּרו פּלאַץ צו. מאַסע פאַרהערלאַכט די פּילקע־העלדן, מאַסע דערציילט זיך אָן לעגענדעס און וואונדער פון שלאַכטפעלד. בעיזבאָל־מאַסע איז פאַראייניקט, פאַרקניפּט אין טראַדיציע. און אַז די פּופּציק־טויזנטדיקע מאַסע גיט זיך א הייב צום זיבעטן „אינינג“ און גלייכט זיך אויס שטייענדיק, דערפילט מען דאַן די מאַכט פון אָן אומזעבאַרער האַנט — טראַדיציע.

א הילצערנער „בעט“, א האַרטע פּילקע, א לעדערנע הענטשקע, א „האָום ראָן“ — דער טרוים פון א פאָלק, די אַמביציעס און האָפ־נונגען פון א שטודירנדיקער יוגנט און פון דערציאונגס־אינסטיטוציעס.

די צירקולאַציע פון בלאַט — אין אינטערעס פון לעזער; דער אינטערעס פון לעזער — אין בעיזבאָל. דער סימן פון אַמעריקאַניזאַציע — די דערוואַרבענע תורה און קונסט פון פּילקע־שפּיל. פּרייזט מען הויך, גאָר הויך דעם בעיזבאָל־שפּילער, צאַפּט מען ריזיקע מיליאָנען דאָלאַרן טעגלאַך איבערן לאַנד פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט און פאַר„דאָופּט" פון אַ קינדער־שפּיל און קאָן זיך פון איר ניט אָפּרייסן.

רייסט מען שטיקער פון זיינע בירגער־פּליכטן, באַגנבענען און פאַרשאַכערן זיינע אוצרות די פון אים דערוויילטע פירער־פאַרפירער; שטייט דער כבוד און די פרייהייט פון זיין לאַנד אין געפאַר — קיין זאַך ווירקט ניט אַפן פאָלק אַזוי ווי דער זיג אָדער דורכפאַל פון זיין בעיזבאָל־„טים".

אַזוי ווי דער פּינאַט־פּאַרקויפער וואַרפט געשיקט אַרויף דאָס פּאַפּיר־זעקעלע צום קויפער אין די הענט אַריין און יענער וואַרפט פּונקט אַזוי געשיקט די מטבעה אין פּאַרקויפערס הענט אַריין, — אַזוי איז דאָס לעבן פון אַמעריקאַנער אַ זיך קאָלערנדיק שפּיל. אַמאָל אַרויף העט ווייט איבערן פּלויט, אַמאָל קאָלערט עס זיך שנעל, שנעל איבערן זאַמד, נאָר תמיד געשיקט, תמיד געאיבט — רונדיק, רונדיק.

האַרטע פּילקע אין בלוט, האַרטע פּילקע אין מח, אין האַרץ. שטאָל און קאָנקריט, געזאָלין און דינאַמיט און איבער זיי אַ מוסקולירטער ריזיקער „בעט" און אין די אויגן — פּילקעס, פּילקעס אָן אַ שיעור. דרייען זיך, פליען און פאַלן.

פּופּציק טויזנט אַמעריקאַנער בירגער באַ אַ קינדער־שפּיל אין פּילקע; מיליאָנען אַמעריקאַנער בירגער אָטעמען מיט לופט פון בעיז־באָל זיג. מיליאָנען אומוויסנדיקע, הונגעריקע בינעזער קערן וועלטן איבער. ציוויליזירטע אַמעריקאַנער ווילן דערפון ניט וויסן.

מיליאָנען סאָוועטן קינדער גרייטן זיך איבערצובויען די גאַנצע וועלט. אַמעריקאַנער דערוואַקסענע, שטאָלצע בירגער שפּילן זיך אין פּילקע.

# אַ געווינלאַכער פאַל

„הייסט אים אַריינקומען", האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, וואָס איז געזעסן בײַ אַ פײַנעם מאַהאָגאַני טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אַנטיק־וואַזע, אָנגעפילט מיט פאַנטאַסטיש־גרויסע ווײַסע און ראָזעווע פּעאָניעס. די מיידל אין דעם בלענדנדיק־ווײַסן קלייד, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט פריש־אויסגעפּרעסטקייט, איז אַ צופרידענע, שנעל אַרויס פון צימער און באַלד זיך צוריקגעקערט מיט לאַנגזאַמע טריט, די אויגן צו דער טיר, אין וועלכער עס האָט זיך באַוויזן אַ מאַן, וואָס איז מיט געבויגענעם קאָפּ און פאַרשולדיקטע, ניט זיכערע טריט, אַרײַנגעקומען און זיך אָוועקגעשטעלט לעבן דירעקטאָרס טיש.

„זעצט זיך", און דער דירעקטאָר האָט אָנגעבויגן זיך איבערן פּאַפּיר, וואָס די סעקרעטאַרשע האָט אים פאַרגעלייגט.

„דערציילט מיר וועגן אַלעם, נאָר אין ענגליש, איר הערט ? איך פאַרשטיי אידיש אויך, נאָר איך וויל, איר זאָלט מיר דערציילן אין ענגליש".

אין פירן זײַנען מיר איצט געזעסן בײַם טיש. אין צענטער, דער דירעקטאָר — אַ פעסט־געבויטער מאַן, וואָס האָט ניט געוואָלט גרוי ווערן. שוואַרצע גוטע אויגן, געדיכטע ברעמען, אַן אויסגעצוירטער, זאַטער פּנים, פײַן מאָדולירט קול, גוט־געניייטער טונקל־גרויער אָנצוג, ראַפינירט און אַריסטאָקראַטיש.

איך האָב געוואוסט, אַז דער דירעקטאָר פון צדקה־דעפּאַרטמענט אין ריזיקן קהלשן שפּיטאָל, וואו איך האָב זיך איצט געפונען, איז אַ רײַכער מאַן, וואָס איז שוין מאַטעריעל אויסגעזאָרגט און טוט די צדקה־אַרבעט צו העלפן „די מענטשהייט". ער קומט אין שפּיטאָל אַ פּאָר מאָל אין וואָך און האָט די אויפזיכט איבער די

אידישע פּאַציענטן, וואָס נויטיקן זיך אין צדקה. ער ווערט געשטיצט אין זיין אַרבעט פון די מיליאָנערסקע סינאַגאָגן, צו וועלכע עס באַלאַנגען מערסטנס באַנקירן, גרויס־פאַבריקאַנטן און וואָל־סטריט ספּעקולאַנטן.

לעבן דעם דירעקטאָר, באַ דער זייט, איז געזעסן די סעקרע־טאַרשע, יונג, גראַציעז און פּיפּיק. זי האָט, ווייזט אויס, געגלויבט, אַז זי ראַטעוועט די וועלט די אָרימע פון אונטערגאַנג מיט איר טעטיקייט. איר אידעאַל איז געווען — קריגן הילף פאַר די, וואָס ווענדן זיך צו איר. איר אָפּגאָט איז געווען דער דירעקטאָר, צו וועלכן זי קוקט אַרויף מיט אונטערטעניקע אויגן.

איך בין געזעסן קעגנאיבער איר. דער דירעקטאָר האָט גע־וואוסט, אַז אַ צייטונגסמאַן פון אַן עקסטרעם־ראַדיקאַלער צייטונג איז ניט שטאַרק איינגעגלויבט אין זיין צדקה־אַרבעט. איבערהויפּט האָט אַף מיר געקוקט פאַרדעכטיקט די סעקרעטאַרשע. און דער דירעקטאָר אַליין האָט אין מיין פּנים געפּרואווט לייענען מיינע געדאַנקען.

מיטן פּנים צו אונז דריי איז געזעסן דער קרבן, וואָס האָט זיך געוואָרגן מיט זיין ענגליש און ניט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס, וואָס האָט אים געשטיקט.

איך האָב אים באַטראַכט. אַ הויכער, אַ ברייטביינינקער, אַ מיטל־יעריקער. איין קוק אַף זיין אויסזען און הלוך איז גענוג געווען צו זען, אַז ער איז אַ האָרעפּאַשניק. זיין רעקל אויסגעטראָגן, פאַר־שימלט־בלוי, מיט אויסגעוואַקסענע אַרבל, זיינע הויזן — געלאַטעט. ס'איז שווער געווען צו דערגיין זייער קאָליר; אַ ריין העמד, וואָס דער קאָליר פון קאָלנער איז שוין לאַנג געווען אָפּגעקראָכן. אין די הענט — אַ צעקנייטשטע קעפּקע.

זיין פּנים — פּשוט, די אויגן — אָנגעלאָפן, די האָר — קורץ און שיטער. ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט, פאַרשעמט, נאָר זיך געהאַלטן ווירדיק.

ער האָט דערציילט איינפאַך און גראַדליניק:

צוואַנציק יאָר איז ער אין אַמעריקע. געקומען אַהער אָן אַ פאַך

אין האנט, און ביז היינטיקן טאג זיך ניט דערשלאגן צו קיין מלאכה. ער האט געוואלט, נאר פינף קינדער זיינען אונטערגעקומען, און צו עסן האט מען זיי געדארפט געבן יעדן טאג, — און ער איז געבליבן א לייבארער.

אין אנפאנג געארבעט אין לאמבער־יארד — טאקע ניט ווייט פון דאנען. יא, בא אידן, כמעט לאנדסלייט, פיינע מענטשן. זיי האבן אים גוט באהאנדלט. און פארוואס ניט? ער האט תמיד געארבעט שווער, ווי פאר דרייען. א סימן: די זעלבע ארבעט טוען איצט צוויי פאליאקן.

ער האט זיך בא זיי ארויפגעארבעט פון אכט אף פינף־און־צוואנציק דאלאר א וואך אין די יצען יאר צייט, און פארדינט ערלאך זיין שטיקל חיונה.

נו, איז געקומען זיינער א לאנדסמאן און פאר אים געקראגן נאך א בעסערן דזשאב אין א שמאטע־שאפ. פאקן באלן שמאטעס און פאפיר. אמת, אויך שווערע און שמוציקע ארבעט, נאר דערפאר האט ער שוין באקומען דרייסיק דאלאר א וואך און ס'איז שוין געווען גאנץ גוט.

זינט ער האט געארבעט אין לאמבער־יארד בא די ברעטער, האט ער זיך אונטערגעבראכען פון דער שווערער ארבעט און ס'איז אים געווארן אלץ ערגער נאך יעדן אויפהויבן א משא. ער האט דערזען, אז די שווערע ארבעט איז מער ניט פאר אים, נאר מען מוז דאך מאכן א לעבן. ס'איז אבער דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט שוין ניט געקאנט טאן מער קיין טאג ארבעט, ווי אמאל. און די באלעבאטים, אויך אידן און גאנץ פיינע מענטשן, האבן דאס באמערקט; איז ער אוועק צו זיי אין אפיס און זיי דערציילט דעם ריינעם אמת.

א טאטע פון פינף קינדער און ארבעט בא זיי שוין ס'צענטע יאר און מ'איז פון אים תמיד געווען צופרידן — אפשר וועט מען אים געבן א גרינגערע ארבעט, זאל זיין אפילו פאר ווינציקער געלט.

נו, קיין טענות צו זיי האט מען ניט געקאנט האבן. יעדערער קוקט ווי ס'איז בעסער פאר אים. האט מען אים אפגעזאגט פון

דער ארבעט און שוין ניין חדשים גייט ער ארום ליידיק און קאָן ניט געפינען קיין לייכטע ארבעט.

און ווייל דער ברוך האָט ואים שוין צופיל גע„באדערט״, איז ער געקומען אהער אין שפּיטאָל. דער דאָקטאָר זאָגט — אן אָפּעראַציע. דער עיקר איז דאָך אָבער — ווי געפינט מען עפּעס א לייכטע ארבעט... די „ליידי״ האָט אים געזאָגט, אז דאָ וועט מען עפּעס טאָן פאר אים...

דער דירעקטאָר האָט אים אָפּט אונטערגעבראָכן מיט פראַגעס און באמערקונגען. און זעענדיק, אז ער וועט ווינציק וואָס ארויסקריגן פון זיין ענגליש, האָט ער אים געהייסן דערציילן אין אידיש. דאָן איז אוועק א גאַנג.

יא, ער וואוינט דאָ דערנעבן, אפן פינפטן שטאָק, צאָלט דרייסיק דאָלאר א חודש רענט, האַלט א באָרדער.

דער דערציילער האָט גערעדט פשוט, אָן א געפיל פון פאַרביטערטקייט געגן אימיצן, אָן א סימן פון וועלן ארויסרופן מיטלייד אָדער סימפּאַטיע.

דער דירעקטאָר האָט באטראַכט דעם אידנס הילוך און געהייסן דער סעקרעטאַרשע פאַרשרייבן: אן אָנצוג, א העמד און א פּאָר שיך.

ווידער פראַגעס. די ענטפערס זיינען: ניין, פאַרדינט האָט ער כמעט גאָרניט אין די ניין מאָנאַטן; קיין פאַרמעגלאַכע קרובים האָט ער ניט. איינער א קאָסטאָמער-פּעדלער, דער צווייטער — א פּיינטער; קיין אָפּגעשפּאַרטע געלט האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט; צו קיין סאָסייעטי באַלאַנגט ער ניט; ס'האָבן זיך אָנגעקליבן א סך שולדן, איבער צוויי הונדערט דאָלאר — דעם מילכמאַן, בוטשער, גראָסערי און לענדלאָרד.

ער איז אן ערלאַכער מאַן, שטענדיק געצאָלט פּינקטלאָך — גלויבט מען אים איצט. אלץ וואָס ער דאַרף איז א לייכטן דזשאָב, א וואַטשמאַן, למשל. די ערשטע זאַך, וועט ער די חובות אויסצאָלן. זיין ווייב איז א בריה, ס'וועט קלעקן. זיין עלטסטער זון, 17 יאָר אַלט, איז א שיק-אינגל, ברענגט אריין צען דאָלאר א וואָך...

דער דירעקטאָר האָט זיך געשושקעט מיט דער סעקרעטאַרשע.

געהייסן מען זאָל אים דערוויייל צופאַסן אַ גאַרטל פאַרן ברוך און קומענדיקע וואָך זאָל ער ווידער אַריינקומען אויסגעפינען.

דער מאַן האָט זיך אַרויסגעשלייכט מיט טיף־געבויגענעם קאָפּ און הילפלאָז אַראָפּהענגענדיקע הענט.

„אַ גאַנץ געוויינטלעכער, ניט אינטערעסאַנטער, פאַר אייך, פאַל", האָט זיך דער דירעקטאָר צו מיר געווענדט. „גיט אַ טראַכט: צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע, און האָט צו גאָרנישט זיך דערשלאָגן און רעדט קיין ענגליש ניט".

נאָר ניט וועגן דעם האָב איך געטראַכט. איך האָב מיינע ליפּן פאַרביסן, געפילט ווי די אַטמאָספערע שטיקט מיך און בין אַן אויפגערעגטער שנעל אַרויס פון דאָרט...

# נאָטיצן פון אַ וואַנדערער

שקיעה־צייט. בין זיך אין צימער, אפן פינפטן שטאָק. דאָס פענצטער צום באַרגיקן פּאַרק. אַ וואונדערשיינע פּאַנאָראַמע: אַ געקרייזלטער וואַלד און אין הינטערגרונט — וואָלקנקראַצער; אַ פּאַס הימל — אין רעגנבויגן קאָלירן; אונטן אפן גאַס — מענטשעלאַך, מילבן.

פון דער ווייט דערטראָגט זיך שטאָט גערויש, ווי דער געברויז פון דער ניאַגאַרע.

ווידער אַ טאָג פאַרביי. אַ טאָג אין ניו יאָרק. אָנגעזאַפּט מיט אימפּרעסיעס פון דורכגעגאַנגענע וועלטלאַך; נאָענטע און פרעמדע וועלטן; קאַלטע און נאָך קעלטערע.

איך האָב זיי געזען: די ליטעראַטן — פון די אויבנאָניקע ביז די פּיצעלאַך; די רעדאַקטאָרן און זייערע שטאַבן — די פורמירער פון אונזער טעגלאַכן דענקען; די פאַרמיטלער צווישן אונז און דער ברייטער וועלט. אויך די „העכט" און די „שלייען" פון אונזער געזעלשאַפטלאַכן בנין — די פירער פון די יוניאָנס, פון די לאָדזשן; די דערציער פון דעם נייעם דור — די טוער און לערער פון די קינדער שולן. און אַלע שוועבן זיי פאַר מיר דורך: איך זע זייערע פּנימער; קאָלירן פון זייערע קליידער; איך הער זייערע קולות. אַזויפיל מענטשן, אַזויפיל רייד און בליקן — און וואָס איז מיר געבליבן אין מח, אין האַרצן פון דעם אַלעם? גאָרניט. אַ מידקייט, אַ בענקעניש נאָך רו.

האָב איך דאָך וואו ערגעץ געלאָזן א י י ן פּערזאָן, וואָס די בענקשאַפט נאָך איר אין איצטיקער רגע בליט אויף ווי רויטער מאָן. א י י ן פּערזאָן — און וואָס פאַר אַ צויבער האָט זי אין זיך, ווען זי שוועבט אויף פאַר מיינע אויגן, אין איצטיקן מאָמענט.

איך גאַר נאָך מענטשן, אמתע מענטשן; מיט פריינטלאַכע, וואַרימע בליקן און נאָך וואַרימערע הערצער. איז וואו מען גיט זיך אַ ריר, איז אומעטום — שטיין און שטאָל; שימל און שטויב.

פעלט די צאַרטקייט פון אַ מוטער־האַנט אויף דער אידישער גאַס פון ניו יאָרק; פעלט די ליבע פון אַ געליבטער אָדער פאַרליבטער אין די הערצער פון אונזערע טוער און בויער.

האָט מיך די טרוקנקייט און פאַרגרעבטקייט פון שיקאַגאָ פאַרטריבן פון זיך; אין די אָרעמס פון ניו יאָרק געבראַכט. צו דער אַלמאַ מאַטער, צו דעם קוואַל וואָס באַפרישט אונזער גייסטיק לעבן. נאָר ניט צו שטאַרק זיינען זיי פאַר מיר, די אָרעמס פון ניו יאָרק; ניט צו פעסט האָבן זיי מיך אויפגענומען און ארומגענומען. ניין. זיי שטויסן מיך אָפּ פון זיך. זיי פאַרטרייבן.

שמייכל איך צו זיך אליין און טראַכט; אַ קינד בין איך, וואָס וויל בלויז שמייכלען און גליק אין דער וועלטס פּנים זען. דערפאַר אפשר איז מיר אַזוי טייער די, וואָס באַשטראַלט מיט איר שמייכל דעם אַרום, וואָס זינגט אויס מיט איר פּנים אַ הללויה צום לעבן.

אין דרויסן איז נאַכט געוואָרן. העכער און העכער צינדן זיך פייערן און פייערן. וואָס באַלייכטן זיי, די פייערן? תאוות און לוסט; אָנגעצונדענע בלוטן און באַגערן, וואָס פלאַקערן העלער ווי אַלע ליכטער פון דער וועלט; פייערן, וואָס צינדן אָן מיין בענקשאַפט, נאָך ד ע ם פייער אין מענטשלאַכן אויג, וואָס זאָל באַלייכטן דעם אַרום; פייערן, וואָס זאָלן נאָך בולטער דורכדרינגען מיט זייער שיין די פינצטערנישן פון חושכדיקן לעבן, פון וועלכן מיר אַנטלויפן אין אָפּגרונט אריין.

מיד בין איך. פון הייסן טאָג, נאָך מער פון קאַלטן לעבן. מיין ווייס בעט ווינקט צו מיר. האָב איך עס ליב דערפאַר, ווייל ס'איז ריין, ווייל ס'איז דער סימבאָל פון דערלייכטערונג, פון רו? אַזוי האָב איך געפילט דערלייכטערט און אָפּגערוט, ווען כ'האָב אין די פאָר שמייכלענדיקע אויגן אריינגעקוקט.

נאַכט איז דאָ. זי פאַרדעקט און פאַרשטעלט, אַנטפּלעקט און אַנטבלויזט.

ניו יאָרק! דו ביסט דער סימבאָל פון נאַכט, דו ביסט דער סוד פון אייביקע תהום׳ען.

איך שטרעב נאָך ליכט. איך וויל דעם שמייכל פון דער זון; איך בענק נאָך די פּאָר לאַכנדיקע אויגן, וואָס ווייִנען אין איינזאַמע מינוטן אין אַ באַקוועמען ווייִגשטול, אויף דער וועראַנדע...

1923

# וואָלקנקראַצערס

דער קומענדיקער ניו יאָרקישער דור וועט האָבן לאַנגע אויסגע־צויגענע העלזער און קורצע, אַראָפּגעזעצטע נאַקנס. ס'איז די ערא פון וואָלקנקראַצער, דער סעזאָן פון האַלז שטרעק. אונזערע העלזער זיינען ניט צוגעפּאַסט צום טעמפּ און וואוקס פון ניו יאָרק. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך נייע וואונדער — צום אויבן, פון אויבן.

אָט גייסטו פאַרביי אַ גאַס. דו ווייסט וויפל שטח הימל איז דאָ געווען זעבאַר. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט אַ וואונדער פּאַ־סירט. עס איז אויפגעשטאַנען אַ קאָלאָס און פאַרמאָסטן זיך צום הימל און ער מושלט איבער טויזנטער הייזער און הונדערטער גאַסן און פאַרשטעלט דאָס ליכט פון טאָג. אומזיסט שטרעקסטו דעם האַלז און שטרענגסט אָן דעם בליק צו זען דעם קאָפּ פון קאָלאָס. דיין אויג ווערט זאַמדיק, דיין קאָפּ פאַרדרייט זיך. דער קאָלאָס קראַצט דעם הימל.

מיט יעדן געבער פון נייעם וואָלקנקראַצער, גרויסט זיך דאָס האַרץ פון ניו יאָרקער. זעט, ווי מיר וואַקסן. ציילט די שטאָק, מעסט די קוואַדראַט פיס, שטרעקט דעם האַלז און ווערט מיד אים צו שטרעקן.

אַלע סטילן פון אַרכיטעקטור, אַלע מייסטערוואונדער פון דורות און צייטן, קרוינען זיך אַף די וואָלקנקראַצערס. דאָס שיר השירים פון ניו יאָרק אין די גאָטישע, מורישע, פּיראַמידנדיקע און טעראַסנ־דיקע וואָלקנקראַצערס. יעדער מיט זיין פּחדדיקער הויך, מיט זיין צאַמלאָזער גבורה, מיט זיין שווינדלדיקן פאַרנעם, נאָר אויך מיט זיין גרענעצלאָזער גראַציע, מיט זיין אימפּעטיקן חן, מיט זיין אָלימפּישן שוואונג.

ניו יאָרקער האָט ליב וואָלקנקראַצערס און דערזעט ער זיי פון

אַ מהלכדיקער ווייט, באַוואונדערט ער זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. וואָלקנקראַצערס דערהויבן זיין געמיט, עפענען ברייט אויף זיינע אויגן און גלייכן אויס דעם קאָפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַמערט געוואָרן אין הכנעה פון על״-געטראַסק און „סאָב״-געקנאַל.

ווענט פון קאָנקריט און שטאָל צוואַנגען, שוואַרצער אַספאַלט שווערט אַראָפּ, וואַנזיניקער גרילץ און געפּויק פון גאַס פּאַרטויבט און פאַרטעמפּט, — נאָר וואָלקנקראַצער דערלייזט. זיינען אויגן געוווּנדט צו אים. בלענדט ער מיט זיין העלקייט און מיט זיין קרובהשאַפט צו די בלויע און גאָלדענע רוימען.

טרוים פון ניו יאָרקער — זיך הייבן העכער און העכער, איבערן גהינם, איבער זיינע דעבער און קוימענס. אַלע טרוימען און האָפנונגען פון לאַנד אַף ניו יאָרק. דאָ ווערט מען דערגרייכן, דאָ וועט מען זיך דערהייבן. נאָר מיטן ערשטן געדראַנג אין סאָבוויי, מיטן קבלת פּנים ליד פון הור-האַאיקייט, ווערן צעקוועטשט און צע־שמעטערט האָפנונגען און פלענער פון פּראָווינציאַל. שוואַרצער „סאָב״ מויל שלינגט איין, קייט איבער און שפּייט אויס.

פּאַרמעסטן זיך גיגאַנטן-טורעמס, איינער וויל איבערשטייגן דעם אַנדערן — מיט זיין הויך, מיט זיין שיינקייט, מיט זיין ברייט־קאַרקיקייט און מיט זיין שלאַנקייט. האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין קעניגרייך פון מאַמאָן, אין די פינצטערע געסלאַך אַרום בראָדוויי, לעבן דער קרוין — וואָל סטריט — אַ געזעמל פון ריזן, וואָס שטייען האַרט איינער לעבן אַנדערן און פאַרשטעלן די שיין פון זון — דער גרענד קעניאָן פון ניו יאָרק.

שפּאַצירסטו איבער די שמאָלע געסלאַך און פילסט, אַז עס פעלט דיר אָטעם אויס. די לאַסט פון די וואָלקנקראַצער, פון ביידע זייטן געסל, אַף דיינע פּלייצעס; כאַפּט דיך אַרום אַ ציטער, ווען גיסט זיך אַ פאַרקירעווע אַף וויליאַם סטריט און וואָל סטריט, אָדער אַף ניו סטריט. מענטש האָט אַ וואונדער-גרויל באַשאַפן, אַ גולם, וואָס דערדריקט אים.

גיגאַנטן — ווייסע, שוואַרצע, קאָלירלאָזע. יעדער האָט זיך

זיין געשיכטע, יעדער — זיין שטאָלץ. נאָר איבער אַלע דאָמינירט נאָך דערוויַיל דער 792 פוסיקער וואָלוואָרט־טורעם.

שטייסטו און באַטראַכסט אים פון וויַיט און קאָנסט זיך ניט אָפּוואונדערן פון זיינע גאָטישע ליניעס, פון זיין מאַניעגדיקן שוואונג.

ציט דיך ארויפצושטייגן אַף זיין זעכציק־שטאָקיקן באַגילדטן טורעם. גייסטו אריין אין „קאַטעדראַל פון קאָמערץ" און מ'הייסט משלם זיין אַ האַלבן טאָלער פאַרן פאַרגעניגן. וואַרט שוין אַף דיר דער באַמעשטער עלעווייטער, וואָס גיט מיט דיר אַ סודותדיקן פלי אַרויף, ביזן 56טען שטאָק. דיין בליק כאַפּט אָפּן וועג אויף שטי־קער געזימסטן, ווינקלען פון חדרים, אַלץ באַגילדט, טעמפּלדיק, רייך.

און העט אויבן, אפן זעקס־און־פופציקסטן שטאָק שטייגסטו אַרויס און עס איז דיך מקבל פּנים אַ סואַווענירן־קרעמל. קויף, קויף קאַרטלאַך, בייטעלאַך, שפּיגעלאַך — קליינע השגות אזוי הויך.

אַ שמאָלער עלעווייטאָר פירט דיך אַרויף נאָך העכער, צום טורעם, צו דער אָבסערוואַטאָריע. ס'טירל עפנט זיך, שפּאַנסט אַרויס, גיסט אַ בליק און עס פעלט דיר אָטעם אויס פון דער וואונ־דערבאַרער אנטפּלעקונג: מע טראָגט דיר אַקעגן ניו יאָרק, ווי אויף אַ טעלער; טויזנטער הייזער רוקן זיך, דוכט זיך, אַף דיר. עס גיט דיר אַ שלאָג אין קאָפּ, ווערסט צעטומלט, די צונג דינט ניט, דיין אויג וויל ניט גלויבן. שפּאַנסט ניט זיכער אַרום טורעם, קוקסט און ווייסט ניט, וואָס דו זעסט. עס דויערט, ביז דו קומסט צו זיך.

דער ערשטער איינדרוק שאַפט זיך, אַז וואַסערן האָבן די אויבערהאַנט איבער ניו יאָרק. זיי האַלטן דעם ריז אין זייערע לאַנגע לאַפּעס ארומגענומען און ווילן זיי, וועלן זיי אים צעדרויבן.

דיין אויג קאָן זען פון דאַנען אַ שטח פון פינף־און־צוואַנציק מיילן, אַף וועלכן עס שוויבלען אַ צען מיליאָן נפשות.

באַטראַכט די אַרבע פּנות פון געגנט. ווענד זיך צו דרום. דאָ געוועלטיקט וואַסער, וואָס בלאַנקט און פינקלט איצט אַף דער זון. דאָ איז דער טויער פון ניו יאָרק, דער ריזיקער האַפן. פון די וואַסער־פלאַכן סטאַרטשן אַרויס דאָ און דאָרט: די סטאַטוע פון

פרייהייט, עלים־איילאַנד מיט זיינע גרינע טורעמס; פון דער צווייטער זייט בערגלט זיך אַרויס גאָווערנערס אינזל מיט דער רונדיקער פעסטונג און העט ווייט, אין האָריזאָנט, נעבלט זיך סטאַטן איילאַנד און ווייטער, צו דרום־מזרח זייט, לויערט דער צאָרנדיקער ריז פון די ריזן — דער אַטלאַנטיק.

דאָס איז אַלץ, ווען דו קוקסט אינדערווייט. האַרט בא דיינע פיס אָבער ליגט דאָס האַרץ פון ניו יאָרק, דער געלט־בבל פון דער וועלט, וואָל סטריט און די בראָדוויי פון באַנקען און גרויס־קאַפּיטאַל. אַט שטייט צעשפּרייט די מאַסיווע, ווייסע, זיבן־און־דרייסיק־שטאָקיקע עקוויטייבל געביידע, וואו עס אַרבעטן צוואַנציק טויזנט קאַנטאָר־אַנגעשטעלטע; אַט איז דער פּראַכטפולער איין־און־פערציק־שטאָקיקער זינגער־טורעם; און אַט איז דער טעלעגראַף־טעלעפאָן קאָלאָס. אַ קליינער שטח, נאָר אָנגעפּיקעוועט מיט וואָלקנקראַצער. שטייסט, ווי צוגעשמידט און דיין בליק און דיין מח וואַנדערן איבער די שפּיצן און דעכער פון די וואָלקנקראַצערס.

אַ טראָט צו דער מערב־זייט. ווידער וואַסער. דאָ מאַכט דער שטאָלער האָדסאָן אַ מחיצה צווישן ניו יאָרק און ניו דזשוירזי שטאַט. זעסט די פאַבריק־שטעטלאַך פון שכנהשן שטאַט מיט די שטייפע לאַנגע קוימענס און אויך שטרעקעס פון גרינס, פלאַכע און באַרגיקע.

און בא דער ניו יאָרקער זייט, באַם ברעג, סטאַרטשען אַרויס די פּיל־צאָליקע פּיערס, וואו עס טוליען זיך די רויט־קוימענדיקע אָקעאַן־שיפן, וואָס גרייטן זיך צו לאַנגע נסיעות. און אַפן האָדסאָן און אין דער ברייטער בוכטע שפּאַצירן זיך אַרום פּראַכט און שלעפּ־שיפן, זאַרגלאָז און גראַם און פייפן אַפן ענגן ניו יאָרק.

דיין בליק געווענדט צו מזרח. ווידער אַ פּאַס וואַסער, וואָס צאַמט און איז אַליין געצאַמט. דאָס איז דער איסט ריווער. איבער אים הענגען דריי ריזיקע בריקן. ניו יאָרק האָט, אין איר הונגער, פיר־און־פערציק גיריקע לאַפּעס פּאַרוואָרפן און צוגעקייט צו זיך שטיקער לאַנד פון אַלע זייטן. און אַט ליגט די וואַקסנדיקע — אין דער הויך — ברוקלין, דער לאַנג איילאַנד ברעג און אין האָריזאָנט — ווידער דער אַטלאַנטיק.

און אַט צו צפון זייט ליגט מאַנהעטן, די שטאָט פון וואונדער און גרוילן, דער טרוים און די קללה פון מיליאָנען. קוקסט אַף די טויזנטער צונויפגעקאַרטשעטע הייזער, וואָס זיינען, ווי צוגעקוועטשט איינער צום אַנדערן. ניט צו זען קיין גאַסן, קיין פריי פּלאַץ, אויסער דעם שמאָלן פּאַס פון דערבייאיקער בראָדוויי.

צו דיר דערטראָגט זיך אַ ווילד הודזשען, אַ וויים־שוימיק סאַ־פּען פון אומגעצאַמטע, גאַלאָפּירנדיקע מעטאַלישע מאָנסטערס. עס כאַפּט דיך אַרום אַ פּחד פאַר זיך אַליין, פּילסט ווי צו אַנטלויפן פון דאַנען. וואוהין? אין די לאַפּעס פון מאָנסטער? ווערסט מאַכטלאָז און שפּלדיק, ווערסט שטאָלץ און שטאָליק.

ניו יאָרק שפּאַרט זיך דיר אַנטקעגן, ריטשעט און דראָט מיט אירע שפּיזיקע ציין. ניו יאָרק ליגט פאַר דיינע פיס — שטאָל און שטיין און שטייף, אַ ווערקצייג אין דיינע הענט, אַ געהאָרכזאַמער קנעכט צום שאַלטנדיקן מייסטער.

אָט איז די מוניציפּאַלע, טויערדיקע געביידע, וואָס שטייט, ווי אַ ריזיקער שומר איבער דער אידישער איסט־סייד; מיט אירע פּראַכטפולע טורעמס און מיט דער שוועבנדיקער, שטאָלצער פיגור אַפן שפּיץ פון העכסטן טורעם.

ווייט־ווייט איבער מאַנהעטן בלאָנדזשעט דיין בליק. אָט איז די זיבן־הונדערט פוסיקע מעטראָפּאָליטאַן טורעם־געביידע, מיט אירע פופציק שטאָק און מיטן ריזיקן זייגער. און נעבן איר די גאָלדענע טורעמס פון דער נייער „ניו יאָרק לייף" געביידע.

און וויטער אביסל האָט פאַררוקט דעם קאָפּ איבער טויזנטער הייזער, דער נייער צוויי־און־פופציק שטאָקיקער טשיינין־מויער און צו מערב צו דראָט צום הימל, די געבאַלטע פויסט פון דער פּיראַ־מידנדיקער פּאַראַמאָנט־געביידע און דערלעבן שימערירט וויים דער גראַציעזער „טיימס"־מויער. און ווייטער אַרויף — דער שפּיציקער ריץ־טורעם און די נייע וואָלקנקראַצערס אַף דער פינפטער עוועניו.

געביידעס פון אַלע סטילן און קאָלירן. מיליאָנען פענצטער־אויגן ציען זיך צום ליכט און זונשיין, וואָס ווערט אַלץ זעלטענער דאָ.

בייגסט זיך אַראָפּ צו זען די דורכגייער אַפן סיטי־האָל סקווער.

ווי שרעטעלאך קוקן זיי אויס, און ווי נאַריש זיי דרייען זיך דאָס ארום!

און אָן אויפהער רעוועט עס ארויף פון אַלע זייטן — דער אָטעם פון שטאָט. און דער עראָפּלאַן, וואָס צירקלט פּלוצים ארום דעם וואולוואָרט־טורעם, קוקט אויס ווי שפּילצייג.

שטרענגסט זיך אָן אָפּצורייסן דיין בליק פון דעם ארום און צו פארלאָזן די אָבסערוואַטאָריע. גייסט צום עלעוויטער, און גע־פינסט זיך לעבן א פּאָרל: א יונגע, שיינע פרוי, מיט צושראָקענע אויגן, וואָס בעט זיך באם מאַן: „איך קאָן דאָ ניט זיין, נעם מיך גיכער אראָפּ. איך שרעק זיך"...

אונטן אף דער גאַס. פילסט זיך, ווי פון אַן אנדער וועלט אראָפּגעשליידערט; דיין שפּאַן איז ניט זיכער, דיין בליק טשוכעט זיך אויס. ווערסט געטראָגן מיטן שטראָם איבער די שמאָלע טראָ־טוארן, אין דער קאָמפּאַקטער מאַסע, צו דער מינץ, צו דער בירזשע.

קליינע, וואָלקנקראַצנדיקע, פינצטערע וואַל און וויליאַם גאַס־לאַך הערשן איבער דער וועלט. האַלטן דעם גורל פון מיליאָנען נפשות אין זייערע לאַפּעס, האַלטן דאָס גאָלד פון דער וועלט אין זייערע לאַפּעס.

מיליאָנען לוין־שקלאַפּן פאַלן כורעים פארן געץ, מיליאָנען לוין־שקלאַפּן שטאָלן פויסטן קעגן געץ. און זייערע פויסטן גרייכן אַלע וואָלקנקראַצערס, שטייגן זיי אריבער און שטרעקן זיך נענטער און נענטער צום גינגאָלד, צו דער זון.. .

# עס פרילינגט אין ניו יאָרק

אין בראָנקס פּאַרק בליִען שוין מאַנגאָליען. אין העסטער פּאַרק, אַף די בענק, זיצן טרעמפּס, און איבער קעפּ פליִען פּילקעס פון באָל־שפּילער און דאָס ביסל פריש גרין גראָז אונטער די הויכע גראַ־טעס לאָזט וויסן, אַז פרילינג איז דאָ.

אַ סקריפּנדיקע קאַרוסעל, אַ וויינענדיקע קאַטערינקע, מיידלאַך מיט צעבליטע בוזימער, וואָס צעבלויזן זיך מיט יעדען זון־אָנוואַרעם אַלץ מער; מיסט־פּעסער, וואָס לאָזן זיך הערן, גרינס און פרוכט פּעדלער, וואָס שרייען אויס, מיט באַנומענע קולות זייערע מציאות; פון פרילינג־שטיפער, צעלאָזענע, ווי פרייע לאָשעקלאַך, קינדער, וואָס פאַרנעמען די שמאָלע טראָטואַרן און פּלאָנטערן זיך אין די טריט פון זיך־איילנדיקע פאַרבייגייער, און סטריט־קאַרס, אָטאָמאָבילן אין פראַכט־וועגענער, וואָס קלינגען, טרובן, פּייפן, בייזערן זיך — סימנים פון פרילינג אַף דער איסט־סייד.

גייסט דורך די ענגע גאַסן, ווערסט פאַרדולט פון הוהאַ, פון האַרמידער, וואָס זשומעט אָן פון אַלע ווינקלען; זוכסט אַ בוים, אַ גרעזל, אַ פרייען בליק צום הימל, ביסט אויסגעלעכצט נאָך זונ־שטראַל, וואָס איז דאָ געפאַנגען און קוקט אַרויס מיט רחמים־בליקן; ווערסט אַליין געפאַנגען פון די הויכע שטיין־און־שטאָל מויערן, וואָס רינגלען דיך אַרום, גאַס־איין, גאַס אויס.

און דאָך ווייסטו, אַז עס איז פרילינג. פון די דומפּע פינסטערע שטיבער שפּאַרט אַ טוכלער ריח אַרויס דורך די אָפענע פענצטער; מען לופטערט בעטגעוואַנט; מאַמעס מיט צעלייגטע אָרעמס קוקן אַרויס און כאַפּן לופט.

עפּעס אַ פרייד, אַ געשעעניש, אַן ערב־יום־טוב, פילט זיך אין די קינדערשע שטיפערייען, אַף די פּנימער פון די קרעמער, און

אפילו אפן פערד פון אייז־וואָגן. עס פרילינגט אף דער איסט־סייד.

האוסטאָן סטריט טיילט פאַנאַנדער די אַריסטאָקראַטישע סעקאָנד עוועניו פון דער יאַרידישער איסט־סייד. די שמאָלע האוסטאָן סטריט, וואָס פאַרשעמט ניט אירע איבעריקע שוועסטער־גאַסן אַ דאַנק איר דושנעקייט, שמוץ, טומל און פילפאַרביקייט.

איין קורצער בלאָק — און וואָס דערציילט ער אונז ניט? דעם ערשטן ברוך הבא באַקומסטו פון אַ ראַדיאָ־טרובע, פון וואַנען אַ טימטאַם קול כאָרכלט אַרויס דאָס פּאָפּולערע לידל: „גאָטעניו האָסט מיך שוין געגנוג געשטראָפט פאַר מיינע זי־י־ינד!"

דאָס בייזע קלינגען פון אַ סטריט־קאַר, וואָס קען ניט פאַר־ביילויפן, ווייל עטלאַכע יאַטלאַך דאַרפן פאַרענדיקן זייער באָל־שפיל, פרובירט פאַרשטאָפּן ס'פּיסק פון ראַדיאָ־כאָרכלער; און אַ פּאָר טריט ווייטער וואַרט שוין אף דיר אַ נייער ברוך הבא פון עטלאַכע פּושקאַרט־פּעדלער, וואָס ציקלען זיך סאָלאָ־מעסיק אף די העכסטע טענער און מ'קען בשום אופן ניט פאַרשטיין, וואָס זיי ווילן, נאָר אַ דאַנק זייערע הענט־איבונגען דערגייט מען זייער בקשה: „אהער, אהער! קונים פון עפּל און זאָקן־בענדלאַך, פון צירונג און פּע־פּערלאַך!"...

אַ טריט ווייטער, ווידער אַ ראַדיאָ־קול, וואָס כאָכאָטשעט: „אוי, מיינע קישקעס!" און קיינעם פאַלט אפילו ניט איין אַ שמייכל צו טאָן. מען איז פאַרנומען, מען דאַנקט דעם אויבערשטן און אונ־טערשטן, וואָס מ'קאָן בשלום מאַכן אַ שפּאַן און זיך ניט אויסגליטשן אף באַנאַנע־שאָלאַכץ, אָדער ניט אַרויפטרעטן יענעם אפן אומ־שאַצבאַרן הינער־אויג.

מען איז אויך ניט זיכער מיטן קאָפּ; כאָטש עס רעגנט ניט פון הימל, האָגלט אָבער אַראָפּ פון די טענעמענט־פענצטער — מיט שאָלאַכץ, מיסט, פעדערן און אַנדערע אָפּפאַלן, וואָס בליען אף די גאַסן פון דער איסט־סייד.

ס'איז אַ מחיה אַ קוק צו טאָן אף די קראָמען, וואָס געפינען זיך אין אַ קורצן בלאָק האוסטאָן סטריט. אָט איז שימל'ס וואַרימע קנישעס בעקעריי און דערנעבן אַ מצבה־סקלאַד, מיט פאַרטיקע מאַר־

מאַר־מוסטערן, פאַר יונג און אַלט; הארט דערנעבן — אַ קאָרסעטן־קראָם, איינגעשנורעוועט צווישן אַנדערע מויערן, ווי אין אַ קאָרסעט; אַ קראָם פון עלעקטרישע לעמפּלאַך מכל הקאָלירן; מעסערלאַך, ראַדיאָס, אייזנוואַרג, שרייב־פּאַפּיר און נאָך — ניט אויסצורעכענען, ניט איבערצוציילן.

אַ רומענישער וויין־קעלער און דערנעבן אַ שטענדער מיט אָפענע פעסלאַך אוגערקעס, טאָמאַטן, פעפערלאַך, הערינג... און דער ריח פון די געווירצן פאַר'שכור'ט און ווילסט אַנטלויפן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

געזאַלין־געשטאַנק, פערד־מיסט, מיסט־קאַנען־ריח פילן אָן די פרילינג־לופט פון האוסטאָן סטריט. עס בליט און שמעלצט זיך פון נחת די גאַס פון אָרימקייט.

דאָ איז אייביקער טומל. די איסט־סייד איז דער אומאויפ־העריקער יאַריד. פון וויגל ביזן קבר איז דער איינוואוינער דאָ אַנגעצויגן, נערוועז, תמיד אין אימיצנס וועג, איז קיינמאָל פאַר אים קיין פּלאַץ ניט פאַראַן.

שטייט יונגוואַרג אויף די ראָגן און אויף שוועלן און פלירטעוועט. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ רייץ און חן צו איר? קינדער אין דחקות און מיסט געהאָדעוועטע — און זון און פרייד שטראַלן אַרויס פון זיי.

צי דאַרפן זיי באמת ניט קיין פרישע לופט, קיין זונשיין, גרינס, ליכטיקע צימערן און רו? קוקסטו פון ווייטן אויף די איינוואוינער, דוכט זיך דיר, אַז זיי זיינען דרויב, קומסטו צו נאָענט צו זיי, זעסטו, אַז דאָס איז געברויז, תמיד'דיקע ענערגיע.

אידן איטאַליענער, סלאַוון, כינעזער, שפּאַניער, גריכן, דייטשן — די קאָסמאָפּאָליע פון גלויבנס, ראַסן, נאַציעס, שפּראַכן, טעמפּעראַמענטן און מלאכות, וואָס ווערן אַלע פאַראייניקט און פאַרבריידערט דורך איין שונא — נויט.

העגרי סטריט איז גאַטספּאַרכטיק פרייטאָג־צו־נאַכטס, זיבעטע גאַס סקווער זינגט נאָך אַ „הודו" זונטיק פאַרנאַכט אונטער די טענער פון אַ האַנט־אָרגל; שפּראַכן, מנהגים און קליידער זונדערן

נאָך אַפּ, נאָר נויט וועגט איבער, נויט קלאַמערט האַנט אין האַנט און קלייבט ניט איבער אַ שוואַרץ־הויטיקע פון אַ ווייסער.

זאָל נאָר דער טאָג קומען, זאָל נאָר די שעה שלאָגן און די רו־לאָזיקייט פון דער איסט־סייד וועט באַקומען אַ תיקון; דאָס געברויז וועט זיך צעפלאַקערן איבער די הויכע טענעמענט־הייזער.

פרילינג אַף דער איסט־סייד. אָן בוים, אָן גראָז, אָן זונשיין. אין בראָנקס פּאַרק איז יום־טוב. דאָרט ליגן סאַמעטענע העל־גרינע און טונקל־גרינע טעפּיכער צעלייגט און בעטן מען זאָל זיי גלעטן; דאָרט האָבן זיך אַלטע וואַלדביימער פון לאַנגן שלאָף אויסגעטשוכעט און פּוצן זיך אין רובינען־צירונג אויס.

דאָרט איז שטיל, נאָר אומזעבאַרע פינגער פלעכטן און נייען און העפטן אויס מייסטערווערק פון פרייד און גליקזעליקייט.

עס פּיקן זיך יונגע ביימער, מיט צווייטן־שפּיצן די צווייגן באַצירט און עס בליען בלומען־בייטן פון אַלע גרויסן און קאָלירן — פון די פּיצעלאַך בלוי־בלויע שניי־גלאָריען, ביז די שטאָלצע פּאַר־בלענדיקע טוליפּן און פרום־פאַרשייטע מאַגנאָליען־קוסטעס.

דאָרט קאָנצערטירן פייגל־געסט אין אַלע ווינקלען און זינגען שירה צו אַ לעבן פון גרינס, זונשיין און פרייע רוימען. ערגעץ אונטן, ווייט אַראָפּ אין טאָל, זינגט דער שמאָלער בראָנקס־טייך זיין שטיל, באַשיידן געזאַנג און לאַכט (באַם וואַסערפאַל מיט ווייסע ציינער.

און עטלאַכע, מיט זיסן זאַפט אָנגעפילטע, ווייסע בערעזעס ווערן ליכטיקער אין די אויפדערנאַכטן און ווייזן אָן אַף דער פּאַרק־גרענעץ, פון וואַנען עס גרויסן זיך מאַיעסטעטיש רויטע, געזונטע געביידעס, וואָס זאַפּן אין זיך איין דעם אַראָמאַט פון גרינס, די שפע פון זון און די פרייע רוימען.

דאָס זיינען די וואוינונגען פון אַרבעטער־קעמפער, וואָס זיינען, אין נויט און אין קאַמף, פאַרברידערט און פאַראייניקט געוואָרן, און זייער מאַכט באַווייזן.

עס פרילינגן די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־הייזער, מיט זון דורכגענומענע, מיט יונג־בלימלאַך גע׳חבר׳טע, צום ליכטיקן מאָרגן אַרויסקוקנדיקע.

# זיין מאַיעסטעט, דער אַרבעטער, אין טרוימלאַנד

אַז עס וועקט דיך אויף דער וואַרימער גלעט פון דער זון, וואָס קומט אַרויס אַ הינטער בערג, נעמט דיך אַרום אַ וואונדערבאַר געפיל. עפנסט די אויגן אויף, גיסט זיך אַ שטרעק — און דו דערמאָנסט זיך, ווער און וואו דו ביסט.

אַלאַרם־זייגער, שאַפע, מאַשינען־רעווע, פאָרמאַן־בליק, פאַרביסענער נעגל־און־ציין קאַמף, סאָבוויי־געדראַנג, גרויס שטאָט אין זומער מיט דער פאַרפעסטעטער לופט, מיט דער שטיקעניש — דאָס אַלץ איז ערשט נעכטן געווען, מיט דיר געשען, אָבער איצט דוכט זיך, אַז ניין — אַמאָל, אַמאָל איז דאָס געווען, מיט איינעם אַ נאַרישן שקלאַף איז דאָס געשען, ניט מיט מיר.

דו ביסט דער פרינץ פון טרוימלאַנד. דיך וועקט ניט אַלאַרם־זייגער, צום שאַפ־געאייל. איבער דיר — גאָלד פון זון; אַרום דיר — אַ וואַך פון שלאַנקע, יונגע טונקל־גרינע קיפאַריסן. ניט סאָבוויי־גערעווע, נאָר אַ שטיפערישער פויגל־רוף: „אַרויס, אַרויס, צו מיר, צו די גרינע בערג און טאָלן, צום פעלד פון „גאָלדשטעקעלאַך".

ליגסטו אויפן בעטל און חלומ׳סט. מיט אַמאָל דערהערסטו אַ ריטמיש געפויק פון די בערג. „טאַראַראַם־טאַראַראַם־באַם־באַם!" און אַ קול הערסטו, אַ ליריש, יונג, געזונט פרויען־קול: „אַ גוט מאָרגן יעדן איינעם! שטייט אויף, שטייט אויף, שטייט אויף פאַר מאָרגן־איבונגען!"

אין אַן אַרבעטער־מלוכה ביסטו, אין קאָאָפּעראַטיוון קעמפ „ניטגעדיייגעט". אין אַ ציכטיק, אָפןביידל געשלאָפן. צוקאָפּנס אַ קייט פון גרינע בערג; צופוסנס דער שטילער, זילבערנער האָדסאָן, און פון דער צווייטער זייט פון אים, אין אַ טאָל צעוואָרפן און צעשאָטן, ווי ווילדע בלימלאַך אויפן פעלד, — הייזלאַך־פּיצלאַך,

לעבעדיקע, פריילאַכע, ווייסע, בלויע, אַלץ אין העלע, זוניקע קאָלירן. און אַהינטער זיי, ווי ריזיקע בופלאָקסן — די שיינע שוואַרץ־גרינע קאַרקן פון בערג.

שטייסט אויף, גייסט אַרויס — ליכט איבער אַלץ. ניטאָ די זויערקייט פון שטאָט־פּנים׳ער. חברים אַלע. האַלב נאַקעטע, זונגע־קושטע. מען גייט, מען לויפט, זאָרגלאָזע, באַרג־אַראָפּ צום שווים־פּלאַץ. נאָכאַנאַנד קלינגט דער גלאָק און בעט זיך: „פּויליאַקעס, קומט עסן, עסן, ע—סן!".

אין ריזיקן, ליכטיקן, עס־זאַל. איין וואַנט פענצטער צום האָדסאָן, די צווייטע — צום „שטורעמקעניק"־באַרג און צום „יאַר־מעלקע"־באַרג.

מע עסט. ס׳איז פריילאַך־טומלדיק. איין גרויסע, שטיפערישע משפּחה עסט. דערנענטערט, פאַרברידערט.

גייסט אַרויס פון עס־זאַל. דיין בליק הויבט זיך צו דער „יאַרמעלקע", דעם מאַיעסטעטישן קאָנוסדיקן, גרין־געקרייזלטן ריזיקן באַרג, וואָס שטייט, ווי אַן אייביקער שומר, איבערן קעמפּ.

אַפן אַלטעטישן פעלד — דאָס געטאַנץ פון פלינקע פיס, פון מוסקולירטע, בראָנזענע הענט; פּילקעס פליען, קערפּערס ציען זיך גראַציעז צו זיי. פריידיקע אויסגעשרייען.

נעבן עס־זאַל, אונטער די „בוימער" זיצן אַף בענק עטלאַכע צענדליק זינגער און מע מייסטערט אַ פאָלקס־ליד. מ׳רעפּעטירט נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל; דאָס אויער לערנט, דער האַלז — אין די הענט פון מייסטער, און דער מייסטער האָט געדולד, איז אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן, און מ׳זינגט — שיין און שענער אַלץ.

הערסט קינדער־קולות אַפן פעלד, פאַררוקט ערגעץ צווישן בוי־מער. דער קינדערגאָרטן. זאָלן זיך מאַמעס אָפּרוען און אָנטייל־נעמען אין די אַקטיוויטעטן.

די קינדערלאַך זיינען אין גוטע הענט. מ׳שפּילט זיך מיט זיי. מ׳טאַנצט און מ׳זינגט און מ׳מאָלט און מ׳אַרבעט מיט זיי. איז רוישיק און פריילאַך.

די זון באַקט. צוריק אין פּאַלאַץ, אין ביידל באַ זיך. אַראָפּ

די קליידער, כמעט נאַקעט. אַרויס אַף דער זון, באָד זיך אין איר, ווער אָנגעפילט מיט זון אינווייניק, ווי אַפן לייב. זון אין האַרצן, זון אין מוח. גרייט זיך אָן מיט זון, מיט ליכט אַפן שפּעטער. ניין, מ'טאָר ניט טראַכטן איצט וועגן שפּעטער, וועגן שטאָט און דזשאָבס און סלעק און סטרייק. איצט איז „ניטגעדייגעט".

שפּיל פון ליכט און שאָטן. איין האַלבע „יאַרמולקע" העל־גרין, די צווייטע — שוואַרץ־גרין; די ווייטע שוועסטער־בערג אין גרויע וואָלן פאַרהילט. זון אַפן שפּיגל־גלאַטן האָדסאָן. זון־שטראַלן קיצלען אים, לאַכט ער, דער האָדסאָן, מיט אַ נאַאיוו, גוטמוטיק גע־לעכטער. גילדענע, זילבערנע בלעזלאַך, בערג און בוימער שאָטנס־רעפלעקציעס פון יענער זייט טייך, פון ניובורג.

ליגסט נעבןביידל אָן אָנגעגליטער, דיין קאָפּ באַשיצט פון די גראַציעזע, יונגע קיפּאַריסן. ביסט פויל און גאָכגעביק און — זאָרגלאָז. ס'איז היים, און דער שווים־פּלאַץ רופט. ער באַגעגנט דיך מיט אָפענע, אָבער — בר! — קאַלטע אַרעמס. קוואַל־וואַסער שטראָמט פון די בערג צו אים אַריין. אַרום און אַרום — פרייד. קולות פון די בעדער, שטיפעריינען און שפּילערייען. אַ נייער כח נעמט דיך אַרום, דאָס וואַסער האָט אָפּגעוואַשן די מידקייט פון שווערע, פינצטערע טעג. ווילסט זיך באָדן, ווילסט שטיפן, ווי אַ פאַרשייט קינד.

לויפסט צום „שפּריץ". מיט אַ ראַשיקער קראַפּט גייט ער. שפּיזט דיך דורך, קיצלט דיך און קנייפּט. דיינע שכנים אַרום זינגען פון גרויס הנאה. טוסט זיך אָן און זינגסט־מיט, שטיפסט־מיט.

באַם טיש — אַ חבר'שאַפט. פרעמדע מענטשן, און דאָך נאָענטע. יעדער העלפט באַדינען דעם אַנדערן. מ'באַקענט זיך. מ'לאַדט דיך איין אַף אַן אַרויספאָר, אָדער אַף אַ הייק צום וואונדער־באַרן ביקאָן־באַרג־מאָנומענט. מענטש ווערט ווייכער, בעסער, ליבער דאָ.

אַ געזונטע, פרישע מידקייט באַהערשט דיך. לייגסט זיך אַפן גראָז אויס. עס דרעמלט זיך. אַרויף צו זיך אין ביידל. אויסגעטאָן זיך און אויסגעצויגן אַפן בעטל, מיטן פּנים צום האָדסאָן.

א חברטע פון דערבייאיקן ביידל באַווייזט זיך: „כ׳האָב אָנ־געריסן קווייטן, חבר, ס׳איז פאַראַן פאַר אייך אויך. אַז מען גייט נאָך בלומען, מאַניען זיי אייך, וויפיל איר האָט איז ווינציק“.

פרייד באַ זיך אין ביידל, בלומען פון די הויכע בערג, געפליקט פון אַ פרעמד־נאָענטער, צאַרטער האַנט.

אַזוי פיל פרייע צייט און אַזוי פויל! איבערגעקוקט ס׳בלאַט. אויך מיר נייעס! פּרובירט לייענען אַ בוך — ווער קען דען אָנשרייבן אַ שענער בוך, ווי דאָס, וואָס ליגט פאַר מיר — די זוניקע בערגלאַך, פאַרטונקען אין גרינס, די שטאָלצע בערג, די וואונדער פון האָדסאָן און די צויבער־פּראַכט פון פאַרנאַכטיקן הימל!

ווידער עסן. צו פויל. געשטערט די רו. רעדלאַך חברים אַרום עס־צימער. מ׳שמועסט. הילכיק געלעכטער. געסט נייע. אונטער די בוימער רעפּעטירט דער כאָר דעם פרייד־מאָטיוו פון בעטהאָווענס „ניינטער“. אַרבעטער, וואָס זיינען געווען ווייט פון פרייד פון מוזיק, זינגען בעטהאָווענ׳ען. נייע האָריזאָנטן זיך געעפנט פאַר זיי.

עמיץ רירט דיין אָרעם אָן. „זע דעם האָדסאָן!“ די זון פאַר־גייט און געזעגנט זיך האַרציק מיט׳ן האָדסאָן.

אַרום מיר איז שטיל. הינטער באַרג, הינטער ניובורג, אויף יענער זייט האָדסאָן, איז די זון פאַרגאַנגען און אָפן הימל קומט אַ קאַרניוואַל פאָר. וואָלקנדלאַך האָבן זיך פאַרשטעלט אין פיגורן. אָט איז אַן עראָפּלאַן־פיגור, אָט אַ שווימענדיקע גראַציע, אָט אַ פּרעהיסטאָרישע חיה און אָט אַ האַנט מיט אַ סך פינגער. די וואָלקן־פיגורן ווערן מיט אַמאָל באַלויכטן אין פאַרשיידענע קאָלירן, אין גאָלד און פּיאָלעט, אין צונטער־רויט און קופּער־בראָנז. אַן אויס־שטעלונג פון מאָלונגען, פון פאַנטאַסטישע שטיל־לעבנס, געשאַפן פון גרויסן, גרויסן קינסטלער, פון אַ גאָניאַלער האַנט.

קאָנסט פון אַנטציקונג קיין ווערטער ניט געפינען. אַ מאָטאָר־שיפל שניידט ווייסע כוואַליעס דורך. דער האָדסאָן רעפלעקטירט די הימל־קאָלירן, בערג־שאָטנס שאַפן אַ האַרמאָנישן הינטערגרונט. ביזט אָנגעזאַפּט מיט שיינקייט, מיט פאַרנאַכטיקער פרייד. די בוימער אַרום באַרוישן דיך מיט זייערע געזונטע אַראָמאַטן. אַ ליב

העל קעפל טוליעט זיך, ווי א קעצל, צו דיר. פאַרנאַכט פאַרוויגט, טוליעט הימל צו ערד און מענטש צו מענטש.

פרייד פון ליבע, געזאַנג פון זוניקע, פריש־אויסגעבאָדענע וואַרימע קערפּערס. פונקען פינקלען, און אַף יענער זייט האָדסאָן, אַף באַרג און טאָל — פונקען מער און מערער, לאַכנדיקע פייערלאַך, מער און מערער. אָוונט־פרייד פון נויבוירג. ווייטע גרוסן פון פרעמדע היימען, וואָס ווערן דיר נאָענט.

שיפן אַפן האָדסאָן ביינאַכט, ווייסע שווימענדע, אילומינירטע פּאַלאַצן. די שיף פון ניו יאָרק קיין אָלבאַני גייט גראַציעז און שטאָלץ, וואַרפט דעם ווייסן פּראָזשעקטאָר גלייך צו דיר אין נאַכטיק ביידל אַריין: „אַ גרוס צו דיר פון שיינעם וועג, פרייד און רו צו אייך אין אייערע געצעלטן!

נאַכט רופט אַרויס, שטערן ווינקען אָן אויפהער. פון הינטערן שטורעם־קעניג באַרג קומט, אַ מיסטישע, די לבנה אַרויס. ווערן בערג ווייס, ווערט דער שוואַרצער וועג — ווייס.

טרינקסט, טרינקסט זיך אָן מיט לבנה־ליכט, מיט באַנאַכטיקער שטילקייט און פרייד.

פאַרלאַך אַפן וועג, געזאַנג פון גרופּעס, געזאַנג פון גרילן, שווייגן פון ביימער און קוסטן.

גייסט. דאָס זוניק קעפל נעבן דיר קלאַמערט דיין אָרעם און פּלאַפּלט. דער וועג לאָקט. דער וועג באַלאַנגט צו דיר. די נאַכט באַלאַנגט צו דיר.

און מאָרגן וואָס וועט זיין? און איבערמאָרגן?

עס וועט געשען! עס מוז געשען! זיין מאַיעסטעט, דער אַרבעטער, וועט אין אַ טרוימלאַנד לעבן. זיין שטאַרקע האַנט וויל, זיין מח און האַרץ באַפעלן, זיין ווילן מוז מקוים ווערן.

די צוויי „ניטגעדייגעט“ וואָכן וועלן אין אַ ניטגעדייגעט לעבן פאַרוואַנדלט ווערן.

די גאַנצע וועלט וועט אין אַ „ניטגעדאַיגעט“ פאַרוואַנדלט ווערן. מאָרגן. איבערמאָרגן.

# פּאַרקן און סקווערן

ווי גוט דערפילט מען, ווען וואַנדערנדיק אין די שטאָל און שטיין לאַבירינטן פון דער מעטראָפּאָליע, שטויסט מען זיך פּלוצלונג אָן אויף אַ פּאַרק אָדער אויף אַ סקווער אפילו. אמת, די סקווערן זיינען צו קליין און צו שטאַרק ארומגערינגלט מיט וואָלקנקראַצערס און דאָס גרינס איז זיי ווערט צו שטאַרק אָפּגעהיט און געצאַצקעט, — דאָך, ווען מע גיט זיך אַ זעץ אַניָדער אויף אַ באַנק, מע גיט אַ ציי אויס די מידע פיס און מע פאַרוואַרפט זאָרגלאָז דעם קאָפּ, דערפילט מען, דער סקווער איז אַ גוטער פריינט און די עטלאַכע ביימער ארום באַרואיקן און גלעטן.

אויב פּאַרן פאַרהאַוועטן און פאַרשמייעטן ניו יאָרקער איז דער סקווער אַ מינוטנדיקער אָפּרו־ווינקל, איז ער אָבער פאַר טויזנ־טער ארבעטלאָזע און היימלאָזע, אַ נויטווענדיקייט און, אָפּט, אַ היים.

געפינט מען, זומער און ווינטער, באַזעצטע בענק אויף יוניאָן סקווער און מעדיסאָן סקווער. זיצן דאָרט, אָפּגעריסענע־אָפּגעשלי־סענע, טרעמפּס, וואָס דרעמלען, לייענען, צונויפגעקליבענע פון מיסטקאַסטן, צייטונגען און עסן דאָרט זייער טרוקענעם מאָלצייט.

יעדער איז אַ טיפּ פאַר זיך, אנטוישטע, אַפּאַטישע, הילפלאָזע, פאַר דער צייט אָפּגעלעבטע. וואָלטן זיי נאָר געפונען אַ פּאַסיקע באַשעפטיגונג, דאַן וואָלטן די טיפע קנייטשן פון פנים פאַר־שוואונדן, דאַן וואָלט דער צער פון די אויגן אוועק.

זעט מען צווישן זיי קראַנקע, שווינדזיכטיקע און עפּילעפּטיקער, וואָס ארבעטן קאָנען זיי נישט און עסן און קליידן זיך מוזן זיי. און ס׳איז ניטאָ פונוואַנען.

זיצן קאַנדידאַטן פאַר זעלבסטמאָרד, משוגעים־הויז, טורמע און מאָרג — אױף יוניאָן און מעדיסאָן סקווערן.

זײנען סקווערן פּאַררוקט אין אַלע טײלן פון שטאָט, אין די צענטרען, אױף בראָדוױי און אין די געטאָס. דערמאָנען זײ די גרינע װײטן, די שײנקײטן פון לעבן. איז גוט מיט די עטלאַכע בײמער, דערפרײט דאָס גרינס פון גראָז, דערפרישן די אָאַזיסדיקע בלומען־בײטן.

---

האָט זיך מאַנהעטן אַ רוק געטאָן פון אַלע זײטן אױף סענטראַל פּאַרק. געבױט, פאַרבױט און זיך געשפּאַרט אַלץ נענטער און נענטער. נאָר — עד כאן. דאָ איז מײן מלוכה, האָט געזאָגט דער פּאַרק. ריר מיך ניט אָן.

האָט זיך אַרום פּאַרק פּאַרקליבן די אַריסטאָקראַטישע פּיפּטע עװועניו פון אײן זײט און דער רײַכער מערב־קװאַרטאַל, פון דער אַנדערער זײט.

ציט זיך דער מאַנהעטענער, אין זומער, צום פּאַרק, װײל אים אײנשלינגען. היטן אים בײזע װעכטער, פאַרצאַמען װעגן, האַלטן אַ שאַרף אױג אױף די גלאַט־פּאַרקאַמטע, געצערטלטע לאַנען.

זײנען װעגן געפּלאַסטערט, בענק צעמענטירט, ליגט דער שטעמפּל פון געקינצטלקײט און שטאָט אױף די לאַנדשאַפטן פון פּאַרק. דאָ און דאָרט האָט נאָך שטיפער־נאַטור איר דעה, דערפרײט זיך מענטש דאָרט און אָטעמט פרײ אָפּ.

איז גוט צו קלעטערן אױף די בערגלדיקע פעלזן, װאָס הערשן נאָך אין פאַרװאָרפענע װינקלען, איז גוט צו שפּאַצירן אױף אײנזאַמע שטעגן און אַנטרונען װערן פון קאַרוסעל־גרילץ און פּינאַט־פּאַרקױפער.

אין װינטער האָט זיך דער פּאַרק זײנע צױבער. פּאַרזאַמלט זיך יונגװאַרג אױפן אײז, צום װײסן קאַרניװאַל און עס ברױזט און הילכט מיט װײס געלעכטער און פרײד. װײסע פעלדער און װײסע בערג װײען מיט מיסטישע רו און מאַניען: קומט צו גאַסט צו אונז, לאָזט איבער אײערע פוס־טריט.

האָבן אַ באַזונדערן צויבער די מאָנומענטן און סטאַטועס, וואָס זיינען צעשפּרייט איבערן פּאַרק. אין די ווינטערדיקע טעג דערציילן זיי, אין זייער איינזאַמקייט, פיל וועגן זיך. און ניט פון בראָנז און אייזן זיינען זיי, נאָר אַ מענטשלאַכע וואַרימקייט און נשמה־דיקייט אָטעמט פון זיי.

---

ניו יאָרק רוקט זיך אַרויף, צו צפון, אין דער בראָנקס. ניט לאַנג צוריק איז נאָך די געגנט אַרום בראַנקס פּאַרק געווען האַלב־ווילד. איצט האָט זיך דאָרט פיבערדיק אַ ישוב אויסגעבויט.

וויים דער ניו יאָרקער אַזויפיל וועגן זאָאָלאָגישן גאָרטן און אַזוי ווינציק וועגן באָטאַנישן גאָרטן פון בראַנקס פּאַרק. קומט מען פון אַלע טיילן שטאָט באַקוקן און „שפּייזן" די מאַלפּעס און מע פאַרשעמט די וואונדער־אוצרות פון די בלומען־אויסשטעלונגען און פלאַנצן.

איז דער באָטאַנישער גאָרטן מער ווי אַ גאָרטן און מער ווי אַ פּאַרק. איז דאָ אין אים אַ סך קולטיווירטקייט, נאָך מער פּרימיטיוו. געפינט דער נאַטור־ליבהאָבער אַזאַ רחבות פון אויסוואַל, אַזויפיל פרייד אין דעם שטילן ווינקל פון דער מעטראָפּאָליע. אינטערעסירן די אָראַנזשערייען און די בלומען־בייטן, נאָר מער דערקוויקן ס'אויג די נאַטירלאַכע לאַנדשאַפטן.

אין סאַמע פּאַרק — אַ טיפער, געמישטער וואַלד. מאַניעט ער צו זיך און מע ווערט פאַרפאַלן אין אים און מע טרעט אויף ערד, ניט אויסגעטראָטענער; און אַזאַ כישופדיקע שטילקייט ווייעט פון אים. דוכט זיך: אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט געפינט מען זיך, ווייט פון אַ ישוב. פליען פייגל פאַרביי אַזוי נאָענט און וואונדערן זיך, ווייזט אויס, ווי קומט אַ מענטש אַהער. שטויסט מען זיך אָן אויף ריזיקע פעלזן־שטיינער, וואָס זיינען מיט מאָך באַוואַקסן, אָדער אַרום וועלכע ביימער האָבן וואָרצלען געשלאָגן און אָנגעפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. די שטיינער זיינען עדות פון מיליאָנען יאָרן און זיי דערציילן די געשיכטע פון דער פאונא און פלאָרא פון דער געגנט.

בלאָנדזשעט מען אַזוי אין וואַלד, ביז מע קומט אַראָפּ אין טאָל און עס דערטראָגט זיך דאָס רוישן פון אַ וואַסערפאַל. דאָס קומט מען צום שמאָלן בראָנקס טייך, וואָס ערטערווייז ווערט ער לוזשעדיק און ערטערווייז קוואַלט ער און ברויזט און פאַרמעסט זיך אַף אַן אמתן טייך. זיינען זיינע ברעגן פלאַך און באַרגיק, קול־טיווירט און פרימיטיוו.

וואַנדערט מען אין פּאַרק און מע פאַרגעסט, אַז מע געפינט זיך אין גרויס־שטאָט, עטלאַכע מינוט גאַנג פון רוישיקע גאַסן, אַף וועלכע עס געפינען זיך טויזנטער מענטשן.

ביימער און בלומען מכל המינים, פון אַלע לענדער און קלי־מאַטן. פּאַסן זאָרגפעלטיק געניטע הענט אַף זיי אויף; ווערט די לופט פאַרשיכורט פון אַראָמאַטן, ווערט דאָס אויג דערקוויקט פון קאָלירן, פאָרמען און מוסטערן.

פון פריען פרילינג, ביז די ערשטע פראָסט־שנייען, איז דאָ דאָ אַ רייכער אויסוואַל פון בלומען. זיינען גערטנער איינגעטיילט לויט זייערע שטאַמען און משפחות. קומט אַף יעדן זיין ציים.

גיט זיך סוף־מאַי אַ צעבלי דער בעז־גאָרטן מיט אַלע זיינע וואַריאַציעס; רופט ער צו זיך מיט זיינע עקזאָטישע ריחות, דוכט זיך דאָן, אַז ער איז דער הערשער פון די פלאַנצן. נאָר אין אַ פּאָר וואָכן אַרום ווערט ער בלאַס און בלאַסער און גייט אויס.

וואָרט שוין אָבער אומגעדולדיק, דערלעבן, דער טאָליקער רויזן־גאָרטן. ווערן זיינע קוסטעס שווער באַלאָדנט מיט בלי און מע פילט, אַז אָט־אָט וועלן צווייגן מער ניט אויסהאַלטן און פּלאַצן און אַנטבלויזן זייער רייפקייט.

סוף־יוני האָט זיך דער רויזן־גאָרטן פּאַנאַנדערגעבליט אין זיין גאַנצער גלאָריע. ווי שאַרף און פריש זיינען די ריחות פון די טיי־רויזן. וויפל אַנטפלעקטן חן פאַרמאָגן אין זיך די פולבלוטיקע, פול־ברוסטיקע סאַמעטענע רויזן. דאָ איז דאָס ליד פון יוגנט און פּראַכט. דאָ איז דער צויבער פון נאַטור. ווי מיסטיש דער אַראָמאַט פון ווייסע און קרעם רויזן! ציט צום גאָרטן, ווערט מען יום־

טובריק דאָרט, ווערט מען שיכור. צירט זיך דער רויזן־גאָרטן, ביז די שפּעטע טעג פון קילן אָקטאָבער.

אינדיאַנער זומער אין באָטאַנישן גאָרטן. ביימער בייטן קאָלירן. אזא רייכקייט פון פארבן. אזא שפע פאַרן אויג. צונטער־רויטע ביימער־שפּיצן; פון טונקל־גרינס ארויספלאַקערנדיקע ווייןקאָליר בלעטער; ביימער אָנגעצירט אין העל־גאָלד, טונקל־גאָלד, פּורפּור, אָראַנזש, קופּער און שאַרלאַך־רויט.

די שטאָלצע דעמבעס, די פּראַכטפולע גאָם־ביימער, די סימעטריש־פארצווייגטע קליאָנען, די שלאַנקע, ריזיקע טוליפּן־ביימער, די איינפּאַכע עלמס, די גראַציעזע נוס־ביימער, די גרויסע משפּחה פון סודותדיקע פּינוסן, אימפּרעסיווע וויינענדיקע ווערבעס זיינען צעוואָרפן איבערן פּאַרק און באַחנען און באַשיינען אים.

גייסט איבער וועגן און שטעגן אויסגעבעט מיט גאָלד פון פריען בלעטער־פאַל. איז דיר ליב דער געשמאַקער, קאָרענער ריח פון די טויטע בלעטער; ווערסט אנטציקט פון ליכט־און שאָטן־שפּיל פון צווייגן אויף גראָז; זאַפּסט איין אין זיך די רו פון פארחלומטע וועלדלאַך. גראָזן ברוינען זיך. טיפע, זאַפטיקע גראָזן. קאָנסט ניט ביישטיין דעם נסיון, יציסט זיך אוים אויף זיי.

די בערגלאַך און טאָלן פון פּאַרק; די פעלזן און גלאַטע, ווי געהובלטע, שטיינער, וואָס ליגן אויסגעצויגן לעבן גראָזן. די בלומען־גערטנער אין פארשיידענע ווינקלען פון פאַרק, די לעצט־הארבסט בלומען, מיט די שטאַרקע קאָלירן. די כינע־אסטערס, די מאַיעסטעטישע דאַליאַס, די שאַרלאַך־סיידזש, די עקזאָטישע העליאָטראָפּן, די פלאַמענדיקע אירים, די פריידיקע מאַריגאָלדס, די טראַגישע „ליבע־ליגט־א־בלוטיקע“, די לעצטע עניוותדיקע פענזים און פארגעס־מיך־ניט, די רויט־בעקלדיקע בעגאָניעס, און נאָך און נאָך — בלומען, וואָס וועלקן שוין און וואָס בליען ערשט אויף.

אין די אַראַנזשערייען טראָפּישע פּאַלמען און מדברדיקע קאַקטוסן. אין די סאַזשעלקעס — וואַסער־ליליעס. אזא אויסוואַל פון פלאַנצן, אזא אוצר פון נאַטור אין בראָנקס־פּאַרק.

חברסטו זיך מיט דער זילבער־עקיקער װעװערקע, װאָס איז איצט פאַרטאָן פּאַקנדיק שפּייז אַף װינטער; שטיפּסטו מיט דעם טשיפּ מאָנק, װאָס שפּילט זיך אין באַהעלטעניש מיט דיר.

אומשעצבאַרע פאַרנאַכטן אין פּאַרק, נאָענט־װייט פון שטאָט־גהינום. װען ביסט דער אָנגעלייגטער גאַסט פון נאַטור, פון נחתדיקן גרינס און בריליאַנט; װען דו באַגרייפּסט די שפּראַך פון בלומען, ביימער און גראָזן.

די געטרייע פריינט, װאָס װאַרטן אַף דיר אין ניו יאָרק — די פּאַרקן און סקווערן.

# אינדיאַנער זומער

קילע, זאַטע, זוניקע אָקטאָבער־טעג און לויטערע, רייפע נעכט. ניט די צאַרטקייט פון פרילינג, ניט די פולקייט פון זומער, נאָר די געזונטע, מיושבדיקע, פולמענלאַכקייט פון האַרבסט, פון אינדיאַנער זומער.

ווען לופט איז קוואַליק־קלאָר, ווען זון באַקט נאָך ברוין, ווען נאַטור, אַפן שיידוועג, צירט זיך אויס אין די העלסטע און מונטערסטע בגדים.

וואַרגט די מאָנאָטאָנקייט פון שטאָט, ווערט דערווידער די גרויקייט פון בנינים, גאַסן, פנימער; קיל ווינטל רוימט אין אויער אריין א פאַרשייטן סוד; דער ליבער וואַרעם פון זון וועקט אויף באַגער; קרישטאָלקייט פון לופט פעסטיקט גוף.

בראָנקס פּאַרק יום־טובט. ביימער שטאָלצירן מיט זייער גאָלד, קופּער און פלאַמיקע בלעטער. דער אַראָמאַט פון בלעטערפאַל דערפרישט.

ניט ווייט פון שטאָט איז דער האָדסאָן; פון ביידע זייטן טייך — רייך, בערגלדיק לאַנד. די שיף שפּאַצירט נאָך הין און צוריק, ביז אָלבאַני. די אָנאָנסן אין סאָבוויי לאָדן דיך איין צו זען דעם אינדיאַנער זומער אַפן האָדסאָן, מיט די פלאַמענדיקע וועלדער...

אַ שבת פרי. די זון וועקט אויף, דער טאָג וועט זיין שיין. היינט און מאָרגן דראָען ניט חיונה־פליכטן. דער גאַלאָפּ פון סאָבוויי וועט ברענגען אין צייט צו דער שיף. אַרויס פון שטאָט, צו די בערג, צו דער פריי.

ווייסע שיף שווימט פאַרביי שמאָלן פּאַס פון גרויער, שפּיציקער שטיין און שטאָל מעטראָפּאָליע; שלייכט זיך אַרויס פון ציווילי־

זאַציע־פּאַנג; קריגט א קבלת פּנים פון די שטאָלצע פּאַליסאַדן און נעזעגנט זיך מיט יאַנקערס.

די שיף אַטעמט אָפּ פריי. פון ביידע זייטן האָדסאָן בערגלדיק לאַנד, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ העכער און מאַסיווער.

עולם אויף דער שיף — שיטער. פּלאַץ — גראַם. גייסטו אַרויף אָפן אויבערשטן דעק, ציסט זיך אויס אויף א טיפן שטול און פאַר־לייגסט זאָרגלאָז די פיס אויף א בענקל. וואָסער באַרואיקט, בערג סטימולירן. באַקוקסט די מיטפאָרער. פּראָווינציאַלע אַמעריקאַנער. באַיאָרנטע פּאָרן. שווייגנדיקע, פּיפּקענדיקע.

ביסטו אַליין. מיט די בערג, מיטן האָריזאָנט. ווי עס שוועבט געלאַסן די שיף, אַזוי שוועבט דיין דמיון. פאַרטרייבסטו פון זיך שטאָט־געדאַנקען. ביסטו קינד פון נאַטור, גאַסט פון נאַטור.

א ווייס הייזל אויף א שפּיץ בארג לאָקט דיך. דאָרט וואוינט מסתם א שטילער, איינפאַכער מענטש, וואָס האָט ליב די בערג און קאָן זיך ניט שיידן מיט זיינע בלומען־בייטן, אַרום זיין הייזל. אַזוי וועט ער זיך עלטערן און, א גרויער, געניסן פון לעבן; אַזוי וועט ער אויסגיין א רואיקער, אין זיין הייזל, אָפן שפּיץ באַרג, איבערן האָדסאָן.

וואָס זיינען די סודות פון דיינע שפּעטערדיקע טעג? וואָס וועט דיר דער מאָרגן ברענגען, אין ברוטאַלן ווירוואַר פון ניו יאָרק? פאַרוואָס צאַפּט די גרויסשטאָט אויס פון דיר די גאַנצע ענערגיע און מישט זי אויס מיט צעמענט און שטאָל און גיט זי איבער אין רשות פון פרעמדע — שונאים און רויבער, וואָס שאַלטן־וואַלטן איבער דיר?

פאַרוואָס ציטערסטו אַזוי איבער דיינע שעה'ען און קוקסט מיט פּחד אין דער צוקונפט אַריין?

באַטראַכט די אַרומקיע לאַנדשאַפטן. הייב אויף דיינע אויגן צו די מאַיעסטעטישע בערג, מיט די געקרייזלטע טשופּרינעס; זע, ווי גרין מיניעט זיך אין העל־גאָלד, אין בראַנז־ברוין און אין שאַרלאַך־רויט!

וועלדער ציטערן זיך אָן, פלאַמען אויף און ברענען אויס, ביז

ווינטער־פראָסט פארצערט זיי. דערווייל זיינען נאָך בערג טונקל־גרין; שפּיצן רויטלען זיך; דאָ און דאָרט סטאַרטשען שוין פון גרינס ארוים פלאַם־פייערדיקע פאַקלען; בריליאַנט־קאָלירן ווערן מער און מערער. אומפאַרגעסלאַכע פּאַנאָראַמעס פון „בער"־באַרג און די בערג־געפלעכטן, וואָס ווערן העכער און מער, ווייטער צו צפון.

נאָך דער שאָקירנדיקער גרויקייט פון דער וועסט־פּאָינט אַקאַדעמיע, הייבן זיך ווידער בערג מיט זייער גאַנצן רייץ און פּראַכט.

אָט באַווייזן זיך עטלאַכע ריזן — דער „שטורעמקעניג" און „נאַקן־ברעק"־באַרג הינטער זיי טאָליקט און טוליעט זיך אונזער קעמפּ „ניט־געדאַיגעט". שטעלסט זיך אויף צו זען די הונדערטער נעצעלטן, וואָס ליגן צעוואָרפן אפן רוקן פון באַרג. נאָר איצט זעט מען זיי ניט מער, מע האָט זיי אַראָפּגענומען. דער זומער־סעזאָן איז געענדיקט.

דערמאָנסט זיך אָן דער שיין־פאַרבראַכטער צייט אין אַרבעטער־קעמפּ, אָן דער שיינער געגנט, וואָס רינגלט דעם קעמפּ אַרום — און עס נעמט דיך אָן א חשק צו זיין דאָרט איצט.

שטייגסטו אַראָפּ אין ניובורג, פירט דיך די קליינע פערי אַריבער קיין ביקאָן און דו לאָזט זיך אַף א לאַנגן שפּאַציר צום קעמפּ.

פלאַמען ווילדע וויינריבן אַף דיביימער אַרויף. איז דער ביקאָן־באַרג פּורפּורדיק און ראָזעווע, שעמערירט דער האָדסאָן זילבער־שטאָליק; ווילט זיך דיר שנעלער זיין בא זיך אינדערהיים, אין אייגענעם קעמפּ.

דערזעען דיך די דריי קעמפּ־הינט, וואָס ליגן באַם טויער. שטעלט זיך אויף דער שוואַרצער, ווערט אָנגעשפּיצט און אַף אים קוקנדיק — די צוויי ברוינע. לויפן אַלע דריי אימפּעטיק צו דיר צו, בורטשען און דערשפּירן א פריינט. באַגלייטן זיי דיך שוין אין הויז אַריין.

עס איז שאַ, שטיל אין ווינטער־הויז. געסט זיינען דאָ ווינציק. וואוינט מען אין די באַנגאַלאָס און מע עסט אַף דער אונטערשטער

וועראַנדע פון הויז. די ביידלאַך אַראָפּגענומען, דעם עס־זאָל און אַלע איבעריקע בנינים אפן באַרג פאַרמאַכט.

שפּאַצירסטו אַרום איבערן קעמפּ אין באַגלייט פון הונט. ליגן עפּל, באַרן און פלוימען אַרום די ביימער און פוילן. ווילדע קאַרשן און יאַגאָדעס, ווילדע רויטע עפּעלאַך, דעמבענע ניס, גלאַנציקע קאַשטאַנעס; שפּעטע ווילדע בלומען אַרום און אַרום. קוסטעס מיט צונטער־רויטע בלעטער.

די „יאַרמעלקע" אין פּראַכטיק־העלע קאָלירן. וואו עס פאַלט דיין בליק — קופּער און פּורפּור און פלאַם־רויט.

איינזאַם און פאַרלאָזן איז דער שווים־פּלאַץ. הערן זיך בלויז די ציענדיקע, מאָנאָטאָנע טענער פון די גרילן. רו און שלוה אַרום.

ניט לאַנג צוריק האָט דאָ געברויזט מיט יוגנט; פלעגן זיך דאָ פרייען הונדערטער מענטשן. אַזויפיל זכרונות רופן די שטעגן בא דיר אַרויס. לעבן יאויף פּנימער, הערט מען זייערע קולות, דערמאָנט מען זיך אָן טעג און נעכט פאַרבראַכטע זאָרגלאָז און פריידיק. זיינען טייער ווינקעלאַך, וואו דיין ביידל איז געשטאַנען, וואו האָסט פריינטשאַפט געשלאָסן, וויין געזופּט און קופּלעטן געזונגען.

אַרבעטער האָבן זיך דאָ אָפּגערוט. האָבן זיי אָבער דאָ אָן זייער קאַמף מיט די באַלעבאַטים ניט פאַרגעסן און מעשות פון שאַפּ־לעבן דערציילט. איינע שרעקלאַכער פון דער צווייטער. מעשות וועגן פאַרפאָלגונגען, וועגן דזשאַב־זוכענישן. גייט דיר ניט אַרויס פון זכרון די מעשה פון אַן אַרבעטער־מיידל, ווי זי האָט זיך באַדאַרפט אָנשמירן די ליפּן, קייען גאָם און זיך אָנטאָן אַמעריקאַניש, זוכנדיק אַ דזשאַב, כדי דער באַלעבאָס זאָל איר ניט חושד זיין אין ראַדיקאַליזם.

גייסט אַרויף, העכער באַרג, צום רעזערוואואַר. זעסטו דעם האָרסאָן, אַזוי רחבותדיק און פריי. די שטילקייט אַרום איז אַזוי געדיכט, בלייבסט שטיין און הערסט זיך איין. דער הונט נישטערט און פאַרזוכט אַ נוס.

פאַרנאַכט. די זון גייט שנעל אַרונטער אף יענער זייט האָרסאָן. עס ווערט קיל. ס'איז שוין פינצטער. לאָזסטו זיך אף אַ שפּאַציר

אפן גלייכן וועג. דער הימל איז אזוי קיל אויסגעשטערנט. זעסטו קיינמאָל ניט אזויפיל שטערן אין שטאָט, פילסטו די אראָמאַטן פון די ארומיקע פלאַנצן און אָטעמסט טיף און פריי. פון יענער זייט טייך — די היימישע ליכטער פון ניובורג.

ס'איז פינצטער אומעטום. לייגסטו זיך פרי שלאָפן. דיין באַנגאַלאָ איז איינגאַנצן אָפן. ס'איז שאַ, שטיל. פון ווייטן הערט זיך בלויז דער טראַ־טאַ־טאַ פון גאַלאָפּירנדיקער באַן. ליגסטו און הערסט זיך איין. נאַטור פאַרוויגט דיך. פילסט זיך גוט, ווי אַ קינד. די רו גלעט דיין גוף און לייטערט די רעיונות.

כאַפּסט זיך אויף אין העט־פאַרטאָג. די זון איז נאָך הינטער ביקאָן־באַרג. אַ פראַסטיקער טוי נעמט דיך אדורך. ציטערסט פון קעלט. אַ פויגל שרייט ווילד. אַ הונט בילט אף אים.

היינט פאַרסטו צוריק אין שטאָט. גייסטו ארום און בא יעדן טראָט, וואָס דו מאַכסט, זאָגסטו אַ „זיי־געזונט" צום ארום. געזעגנסט זיך מיט יעדן גראָז און בוים, מיטן באַרג און הימל.

די זון וואַרימט, גלעט. שטאָט רופט, שטאָט צווינגט. סווערט דיר אומעטיק. אַ שווייגנדיקער לאָזסטו זיך אין וועג אריין.

וועלדער צינדן זיך, בלעטער פלאַמען, דער האָדסאָן בלאַנקט. אינדיאַנער זומער אף די וועגן. שטאָל און שטיין באַהערשט די שטאָט.

איז דיך מקבל פנים אַ ווילדע סומאַטאָכע; אויטאָ'ס קוויטשען, קאַר'ס טרעשטשען; על'ס קנאַלן. אַ שטויסעניש, אַ געדראַנג, שוואַרצער, ברודיקער סאַבוויי. משוגענער אימפּעט.

אין געדראַנג — די פּאַנאָראַמעס פון די האָדסאָן־בערג, אין הארץ — די רו פון „ניט־געדאַיגעט" וועג. אַ שטורך אין זייט אַ ווילד רעווען אין אויער אריין. אַ שליידער און אַ שלעפּ. אין די לאַפּעס פון ברוט — ניו יאָרק.